# פרשת ויקרא ג׳ - ט׳ אדר ב׳ תשפ״ב לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויקרא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין להבחור **הערשל** נ״ו בן הר״ר **משה נפתלי טענענבוים** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר״ר **לוי מיכאל גראסס** הי״ו, עב״ג בת הר״ר **יצחק בענעש** ע״ה, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר החופה מסר **רבינו שליט״א** שיעור השבועי בשלחן ערוך (או״ח הל׳ ברכת הפירות סימן רי״ג סעיף א׳) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל״ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט גערעדט די פאריגע וואך וועגן די לוחות הראשונות, און די לוחות האחרונות. די תורה זאגט, ווען משה רבינו איז אראפגעקומען מיט די לוחות, האט ער מיטגעברענגט שני לוחות העדות בידו, אין די האנט האט ער געהאט צוויי לוחות (שמות לב-טו). אין די תורה איז נישט דא קיין איבריגע ווערטער. פארוואס האט די תורה געדארפט שרייבן, אז ער האט עס געהאט 'בידו', אין די הענט. ווען עס שטייט נישט בידו, וואס וואלט מען געמיינט, אז ער האט עס געברענגט מיט די פוס, אדער מיט די קאפ? אז א מענטש טראגט עפעס, טראגט ער עס בידו. - ביים דאווענען זאגט מען אויך אזוי, ושני לוחות אבנים הוריד 'בידו', וואס איז דער בידו, אז ער האט עס אראפגעברענגט מיט די הענט.

**עס** שטייט אין **אוהב ישראל** (סוף פרשת בשלח), דער **אפטער רב** ברענגט צו פונעם **רמ״ע מפאנו** אין זיין ספר **עשרה מאמרות** (מאמר חקור דין ח״ב פרק ט״ז). אז ביי מתן תורה, נאכדעם וואס מען האט געהערט די צוויי דיברות פונעם אייבערשטען, האבן יודען געזאגט פאר משה רבינו, קרב אתה ושמע (דברים ה-כד), דו הער פונעם אייבערשטען די דיברות, און דו וועסט אונז איבערגעבן. אונז קען מיר נישט מקבל זיין די תורה פונעם אייבערשטען אליין. און דאס איז געווען א פגם פאר יודען, אז מען האט נישט געוואלט מקבל זיין די תורה פונעם אייבערשטען אליין, און מען האט געבעטן אז משה רבינו זאל עס געבן. זאגט דער עשרה מאמרות, ווען נישט דעם, וואלט מען נישט געדארפט האבן די לוחות וואס משה רבינו האט אראפגעברענגט פונעם הימל, נאר אלעס וואלט געווען אויפגעשריבן אויף די הענט פון משה רבינו. א מענטש האט פינף פינגער אויף יעדע האנט, אויף איין האנט וואלט געווען פינף דברות, און אויף די אנדערע האנט וואלט געווען די אנדערע פינף דברות. און פון די ראיה אויף משה רבינו וואלט מען געקענט לערנען כל התורה כולו, ווייל אויף די לוחות איז געווען אויפגעשריבן כל התורה כולה. אזוי ווי מען האט געזאגט קרב אתה ושמע, פעלט פון יודען די מדריגה, און מען האט געדארפט אראפברענגען לוחות אבנים.

**טייטשט** דער אוהב ישראל, וידי משה כבדים, די הענט פון משה רבינו האבן באקומען א שווערקייט. דאס איז טייטש, עס האט באקומען א פגם, דורכדעם וואס יודען האבן נישט געוואלט מקבל זיין די תורה פונעם אייבערשטען. ויקחו אבן וישימו תחתיו (שמות יז-יב), האט מען געמוזט נעמען א שטיין, אנשטאט די הענט פון משה רבינו. אזוי וואלט מען געלערנט תורה פון די הענט פון משה רבינו, אבער וידי משה כבדים, ויקחו אבן, האט מען געדארפט נעמען אן אבן, וישימו תחתיו, אנשטאטס די הענט פון משה רבינו.

**זאגט** דער אוהב ישראל, אהרן מיט חור זענען דאך געווען די גרעסטע וואס איז געווען אין כלל ישראל, און זיי האבן נישט געזאגט קרב אתה ושמע, זיי האבן זוכה געווען צו קענען לערנען די תורה פון די הענט פון משה רבינו, משה רבינו'ס הענט האבן געהאט אויף זיך אויסגעקריצט די גאנצע לוחות. - ואהרן וחור תמכו בידו, אהרן מיט חור האבן יא תומך געווען די הענט פון משה רבינו, זיי האבן קונה געווען די תורה פון משה רבינו אליין. וואס ביי משה רבינו זענען געווען די צוויי הענט אזוי ווי צוויי לוחות. מזה אחד ומזה אחד, איין חלק פון די לוחות איז געווען אויף איין האנט, און איינס אויף די צווייטע האנט.

**דער** אפטער רב ברענגט צו דאס ווארט נאכאמאל אין די ליקוטים אויף פרשת קרח, און דארט גיט ער צו, און ער זאגט, אז עס שטייט אין די גמרא (סנהדרין סח.) אז בשעת רבי אליעזר איז נסתלק געווארן, האט ער אויפגעהויבן זיינע צוויי הענט, און געלייגט אויפן הארץ, און ער האט געזאגט, אוי לכם שתי זרועתיי וואס זענען כשתי ספרי תורה, די צוויי הענט זענען צוויי ספרי תורות, שנגללין, וואס מען איז יעצט גולל די ספר תורה. ער גייט אוועק פון די וועלט, און עס ווערט נגלל זיינע הענט, וואס איז אזוי ווי צוויי ספרי תורות. זאגט דער אפטער רב, אזוי ווי משה רבינו האט געהאט די תורה אויף זיינע הענט, אזוי האט זיך רבי אליעזר אויך מזכך געווען, אז ער האט געהאט אראפגעשריבן די תורה אויף זיינע הענט. וועגן דעם האט ער געזאגט, אז מיינע צוויי הענט זענען אזוי ווי צוויי ספרי תורות.

**קומט** אויס, אז ווען משה רבינו איז אראפגעקומען מיט די לוחות, האט ער אויסער די לוחות אבנים, אויך געהאט די לוחות אויף די הענט. די תורה איז געווען אויסגעקריצט אויף די הענט פון משה רבינו, און אויסער דעם האט ער אויך געהאט לוחות אבנים. יודען האבן געקענט לערנען פון די לוחות האבנים, און משה רבינו האט זוכה געווען צו די לוחות אויף די האנט. זאגט די תורה, ושני לוחות העדות 'בידו', אויף די הענט פון משה רבינו איז געווען אויסגעקריצט די לוחות. און אויסער דעם האט ער געהאט לוחות אבנים, וואס זענען געווען כתובים משני עבריהם. עס איז געווען צוויי ערליי לוחות.

**משה** רבינו איז נענש געווארן בשעת ער האט געשלאגן דעם שטיין במי מריבה. און מען פלאגט זיך אלע וואס איז געווען דער חטא פון משה רבינו. רש"י (במדבר כ-יב) טייטשט, אז דער אייבערשטער האט אים געהייסן ער זאל רעדן צום שטיין, און ער האט געשלאגן דעם שטיין. און מען דארף פארשטיין, איז עס דען אזא גרויסע חטא, אז אנשטאטס רעדן, האט ער געשלאגן דעם שטיין.

**אבער** אז משה רבינו'ס הענט זענען געווען צוויי לוחות, שני ספרי תורות ווי די גמרא רופט עס אן. האט משה רבינו נישט געקענט טון מיט זיינע הענט נאר א זאך וואס איז א דבר מצוה, וואס עס איז דער רצון פונעם אייבערשטען. ווייל מען קען נישט נעמען קיין ספר תורה, און טון דערמיט א דבר של חול. וואס משה רבינו האט געטון, איז אלעס געווען תורה'דיג, און תורה איז נישט קיין סתירה צו די לוחות וואס ער האט געהאט אויף זיינע הענט. ווען דער אייבערשטער וואלט אים געהייסן נעם דיינע הענט און שלאג דעם שטיין, איז דאס די ציווי פונעם אייבערשטען, קען ער נעמען א ספר תורה, און שלאגן דעם שטיין. אבער אז דער אייבערשטער האט אים געהייסן ער זאל רעדן צום שטיין, און משה רבינו נעמט צוויי ספרי תורות, זיינע צוויי הענט, און מיט דעם שלאגט ער א שטיין, האט ער גענומען די ספרי תורות פונעם אייבערשטען וואס דער באשעפער האט עס אויסגעקריצט אויף אים, און דאס האט ער באנוצט אויף צו שלאגן א שטיין, אז עס זאל ארויסגעבן וואסער פאר יודען. עס איז נישט געווען ווייל ער האט משנה געווען די ווערטער פונעם אייבערשטען. נאר די שינוי וואס ער האט געטון האט צוגעברענגט דערצו, אז עס איז געווען א השתמשות מיט א ספר תורה וואס דער אייבערשטער האט געשריבן.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, ער זאל סומך זיין יהושע. אין פסוק (במדבר כז-יח) שטייט, אז ער האט אים געזאגט, לייג ארויף דיין האנט אויף יהושע, און זיי אים סומך. דער אייבערשטער האט געזאגט, אז ער זאל אים סומך זיין מיט איין האנט, און משה רבינו האט סומך געווען יהושע מיטביידע הענט. משה רבינו איז געווען א טוב עין, ער האט געהאט א גוט אויג, האט ער ארויפגעלייגט ביידע הענט אויף יהושע, און אזוי האט ער אים סומך געווען. דער אייבערשטער איז נישט קיין טוב עין? דער אייבערשטער האט געזאגט ער זאל סומך זיין מיט איין האנט, און משה רבינו איז דער גוט'טישקער, און ער איז סומך מיט צוויי הענט? פארוואס האט דער אייבערשטער נישט געהאט א טוב עין אויף יהושע, אז ער זאל אים סומך זיין מיט ביידע הענט?

**נאר** דער אייבערשטער האט געוואוסט אז משה רבינו איז א טוב עין, און סוף כל סוף וועט יהושע געבענטשט ווערן מיט צוויי הענט. ווען דער אייבערשטער וואלט געזאגט פאר משה רבינו בענטש אים מיט צוויי הענט, וואלט מען דאך נישט געוואוסט דעם טובת עין פון משה רבינו, אז משה

רבינו האט עס געטון מיט א גוט הארץ. איך וואלט געקענט זאגן, אז די גאנצע סמיכה וואס ער איז סומך יהושע, איז נאר ווייל ער האט נישט קיין ברירה, דער אייבערשטער האט אים געהייסן. ווען עס זאל זיין תלוי אין אים, וואלט ער גארנישט איבערגעגעבן פאר יהושע. האט דער אייבערשטער געהייסן פאר משה רבינו ער זאל סומך זיין יהושע מיט איין האנט, און איך זעה אז משה רבינו איז סומך מיט צוויי הענט, ווערט מען וויסן דאס גדלות פון משה רבינו, אז עס האט אים נישט געאהרט אלעס איבערצוגעבן פאר יהושע מיט צוויי הענט.

**ווען** משה רבינו וואלט סומך געווען יהושע מיט איין האנט, וואלט ער נאר סומך געווען מיט איין ספר תורה, מיט איין לוח. עס איז דאך געווען צוויי לוחות אויף די הענט פון משה רבינו. אז ער האט אים סומך געווען מיט ביידע הענט, האט ער אים סומך געווען מיט כל התורה כולה וואס ער האט געהאט אין די צוויי הענט, דאס האט ער איבערגעגעבן. זאגט דער פסוק (דברים לד-ט), ויהושע בן נון 'מלא' חכמה, כי סמך משה את 'ידיו' עליו. פארוואס איז ער געווען מלא חכמה, ווען ער וואלט נאר סומך געווען מיט איין האנט, וואלט ער נישט געווען מלא חכמה, ווייל ער וואלט נאר באקומען א ברכה פון איין האנט. אבער יהושע בן נון איז געווען מלא חכמה, ווייל משה רבינו האט סומך געווען בשתי ידיו, האט ער מקבל געווען די גאנצע תורה פון משה רבינו.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרה"ג רבי יעקב אהרן אויש שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק', חתן כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א) שהתקיים בבית המדרש סקאליע.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **לוי מיכאל גראסס** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **משה נפתלי טענענבוים** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל.

*

***יום שני פרשת ויקרא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **משה הערש פוקס** הי"ו (חתן הר"ר יצחק יהודא ברוין הי"ו), שהתקיים בבית המדרש טאהש.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מארמארשטיין שיחי' שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר יהושע מארמארשטיין הי"ו).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **חיים יודא שפיטץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מרדכי פייג** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב **הרה"ג רבי הערש לייב פאללאק שליט"א** רב דביהמ"ד אמרי יושר (בן הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א) עב"ג בן **הרה"ג רבי יואל וואזנער שליט"א** רב דקהל בית הלוי (ב"פ), שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת ויקרא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יצחק אייזיק מעזעי** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **הערשל פליישמאן** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בשמחת החתונה של בת הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יואל לאפפלער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***יום רביעי פרשת ויקרא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **יעקב** נ"ו בן הר"ר **שמואל יצחק בריעף** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **משה יחיאל ראזענבוים** הי"ו.

לעת ערב ביומא דהילולא של משה רעיא מהימנא נקבצו ובאו לבית מדרשנו קהל רב ועצום לשמוע את דבר ה' בעוז ותפארת **'דרשת ז' אדר'** מאת **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**. בשולחנות המזרח פיארו עשרות רבנים ודיינים מרביצי תורה שליט"א.

אחר תפלת מעריב התעטף **רבינו שליט"א** בטלית, ועלה לפני הארון קודש, ודרש יותר משתי שעות בדברי דרוש והספד, ובדברי הדרכה ומוסר לדעת את המעשה אשר יעשון.

**רבינו שליט"א** התחיל את דבריו בדברי דרוש ואגדה במעלת משה רעיא מהימנא, וגודל קדושת ענותנותו, וכל נשמות ישראל כלולים במשה רבינו, ועומד ומשמש למעלה להשפיע טוב לישראל.

**רבינו שליט"א** המשיך את דבריו בדברי הספד על הרבנים הגאונים והצדיקים מרביצי תורה וטהרה בישראל, שנסתלקו בשנה העעל"ט, ולקבל עליהם אבילות שעה לכבודה של תורה כנהוג.

אחר אמירת א-ל מלא רחמים, השמיע **רבינו שליט"א** בקול חוצב להבות אש, דברי מוסר במצב הזמן וירידת הדורות, ובתוכם בענין: **ירידת הדורות בשנים האחרונות • הזהירות להשתמש רק ב'טעבלעט' לצורך מסחרו • האדם נמשך בדיעותיו אחר אנשי מדינתו • מעשי האדם נוגע לדורותיו אחריו • מצב החינוך אצל בני הנעורים בת"ת ובישיבות • דרכי התוכחה לבנים אחר נישואיהם • הפריצות הנוראה במלבוש השייט"ל הארוכות • מצב המלחמה באוקריינע.** - אחר הדרשה התקיים מסיבת לחיים, **ורבינו שליט"א** חילק מזונות לכל הקהל.

דבריו חוצבים להבות אש של **רבינו שליט"א** הכה גלים בכל ריכוזי היהדות החרדית, ודבר המלך ודתו הגיע לאלפים רבים בכל קצוי תבל [על ידי קוי הטלפון, והפצת קונטרסי הדרשה ביודיש], להתעורר ולשוב לה' בתשובה שלימה ותיקון המעשים.

*

***יום חמישי פרשת ויקרא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

*

***ערב שבת קודש פרשת ויקרא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **יעקב שלום** נ"ו בן הרב **שמואל פריש** שליט"א. ולהבחור **חיים** נ"ו ואחיו הבחור **אברהם** נ"ו, בני הר"ר **משה דייטש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת ויקרא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הרב שלמה זלמן כ"ץ שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **ארי' הערשקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה התקיימה קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית התקיימה השבע ברכות של החתן **משה לאפפלער** הי"ו חתן הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל סיום סדר מועד שנלמד ע"י נכדו הבחור בנש"ק **אברהם דוד כ"ץ** נ"ו, והתקיימה בבית בנו **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט פריער גערעדט, אז ביי די ברכה פון אתה חונן איז דא א סטעיטמענ"ט פאר מען הייבט אן די

ברכה. קודם זאגט מען אתה חונן לאדם דעת וכו', און נאכדעם בעט מען חננו מאתך חכמה בינה ודעת, וואס מען געפונט נישט אזוי ביי אלע אנדערע ברכות פון די שמונה עשרה.

**איך** האב געטראכט א טעם פארוואס אתה חונן הייבט זיך נישט אן גראד מיט א תפלה. א מענטש ווערט געבוירן מיט שכל, און א מענטש מיינט אז מיט דעם בלייבט ער. אזוי שטייט אין די גמרא (נדה טז:) אז א מלאך קומט פארן אייבערשטען, און ער פרעגט צו דאס קינד זאל זיין א חכם אדער א טיפש. און מען ענטפערט אויבן אין הימל, דער זאל זיין א חכם, און דער זאל זיין א טיפש. אויב אזוי וואס איז דא צו בעטן וחננו מאתך חכמה בינה ודעת, מען האט דאך שוין אפגעשמועסט פאר דעם. מילא רפאנו, ער איז קראנק געווארן, עס איז דא וואס זענען קראנק, און עס איז דא ווער עס ווערט געהיילט, עס איז זאכן וואס געשעהען שפעטער אינעם לעבן. אבער חכמה איז דאך א זאך וואס א מענטש איז געבוירן געווארן דערמיט, וואס איז שייך צו בעטן דערויף. אז ער איז נידריג, וועט ער בעטן אז ער וויל ווערן הויך? אז ער איז פעש, וועט ער בעטן אז ער וויל ווערן דאר? יעדער מענטש, ווי אזוי ער איז געבוירן געווארן, מיט דעם בלייבט ער.

**עס** איז אבער נישט אזוי, מען געפונט אין פסוק (דניאל ב-כא) יהב חכמתא לחכימין, דער אייבערשטער גיט צו חכמה. חכמה איז נישט אז מען איז געבוירן געווארן מיט די חכמה, און ער בלייבט אזוי ווי ער איז. עס איז דא א געוויסע מדריגה וואס אפילו בשעת ער איז געבוירן געווארן איז ער יא געווען א טיפש, קען זיך עס טוישן. ער איז נאר באשאפן געווארן אזוי. אז ער איז געבוירן געווארן א חכם, קען ער ווערן א גרעסערער חכם, ווי מער מען לערנט, שארפט מען זיך אויס דעם שכל, און די חכמה ווערט אלץ מער און מער. ער איז נישט דער זעלבער חכם, ווי ער איז געווען פאר דעם.

**אז** מען וויל בעטן אויף חכמה, וועט מען דאך זאגען אז אויף דעם דארף מען נישט מתפלל זיין, מען איז דאך געבוירן געווארן אזוי. זאגט מען, ניין, אתה חונן לאדם דעת, ומלמד לאנוש בינה. חכמה איז אויך א זאך וואס דער אייבערשטער איז שטענדיג חונן, און מען קען שטייגען אין דעת אויך.

# פרשת צו י׳ - ט״ז אדר ב׳ תשפ״ב לפ״ק

***יום ראשון פרשת צו***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט״א** האפשערן של בן הר״ר **דוד חיים וויינגארטען** הי״ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או״ח הל׳ ברכת הפירות סימן רט״ו סעיף א׳) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל״ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האלט נאנט צו די טעג פון פורים, פורים האט מען מתקן געווען משתה ושמחה, עסן א סעודה און זיך פרייען, און טרינקען וויין. חייב אדם לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי (מגילה ז:). אטייל האבן אנגענומען כפשוטו, אז מען דארף טרינקען עד דלא ידע. און אטייל זאגען, עד ולא עד בכלל, אין **רמ״א** (או״ח סימן תרצה-ב) שטייט, אז מען זאל טרינקען יותר מלימודו, מער פון וויפיל מען איז געוואוינט. אטייל זאגען אז מען זאל זיך לייגען שלאפן נאכדעם, און דורכדעם וועט זיין עד דלא ידע. אבער דאס דינגט זיך קיינער נישט, אז די חכמים האבן מחייב געווען צו טרינקען וויין אין פורים. וואס איז דער ענין דערפון, וואס האבן די חכמים מתקן געווען דא, אז עס איז דא א ענין פון טרינקען וויין, און אסאך וויין.

**אויסער** די ישועה וואס איז געשעהן פאר יודען אין פורים, שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה, איז דא נאך א ענין וואס איז דא אינעם יום טוב פון פורים. די גמרא (שבת פח.) זאגט, אז בשעת מען האט מקבל געווען די תורה, כפה עליהם הר כגיגית, האט מען זיי געצווינגען צו קבלת התורה. אם אתם מקבלים את התורה מוטב, ואם לאו וועט דער אייבערשטער ארויפלייגען דעם הר. מען האט נישט געהאט א ברירה, מען האט געמוזט זאגען אז מען איז מקבל די תורה. זאגט די גמרא, אז עס איז דא א מודעא רבה לאורייתא, מען קען זיך דינגען שפעטער, ווען מען וועט האבן א טענה, פארוואס מען האט נישט געהאלטן די תורה, איך בין א אונס, איך האב נישט געהאלטן ביים מקבל זיין די תורה, מען האט אונז געצווינגען. זאגט די גמרא, אף על פי כן, הדר קבלוה בימי אחשורוש. די טענה אז מען איז געווען א אונס, איז נאר געווען ביז צום נס פון אחשורוש. פון דעמאלטס אן, פון גרויס אהבה וואס יודען האבן געהאט צום אייבערשטען, דער באשעפער האט זיי מציל געווען אויף אזא פלא׳דיגע אופן, האבן יודען מקבל געווען די תורה מאהבה. פון יעצט אן איז שוין נישט דא קיין תירוץ, אז מען האט עס מקבל געווען מתוך אונס.

**איז** דאך פורים נישט גענוג אז מען מאכט א זכר נאר אויפן נס, מען דארף אויך מאכן א זכר אויף דעם הדר קבלוה בימי אחשורוש, אז מען האט מקבל געווען די תורה, עס איז א טאג פון קבלת התורה. מען געפונט אז יעדן שבועות, הכל מודים דבעינן לכם, ווייל עס איז יום שניתנה בו תורה (פסחים סח:). איז דאך דער טייטש, אז א מענטש איז מחוייב צו מאכען א זכר אויף דעם יום שניתנה בו תורה. און דא איז דאך דא א יום שניתנה בו תורה, וואס מען האט מקבל געווען די תורה מיט א אהבה.

**תורה** איז נמשלה ליין (תענית ז.), תורה ווערט צוגעגליכן צו וויין. הביאני אל בית היין (שיר ב-ד), גייט ארויף אויף תורה (שהש״ר ב-ד א׳). דער חלק התורה וואס א יוד איז מקבל באהבה, דאס איז די בחינה פון תורה אזוי ווי יין. יין ישמח לבב אנוש (תהלים קד-טו), יין ברענגט שמחה. ווען א יוד איז מקבל אויף זיך די תורה מתוך שמחה, איז עס די בחינה פון שותה יין, ער טרינקט וויין. די חכמים האבן געוואלט ווייזען, אז מען דארף מאכען א זכר אויך אויפן חלק פון קבלת התורה וואס איז געווען דעמאלטס. האט מען אויסער משתה ושמחה וואס איז נוגע פארן נס, האט מען מחייב געווען צו טרינקען וויין, צו מאכען א זכר אז אונז האב מיר מקבל געווען די תורה באהבה. הביאני אל בית היין, דער באשעפער האט אונז געגעבן די תורה, ביז יעצט זענען מיר געווען אנוסים, פון יעצט אן זענען מיר עס מקבל מיט א שמחה. און ווי מער ער טרינקט, גיט ער מער ארויס זיין חלק השמחה וואס ער האט. אין קבלת התורה באהבה איז דאך דא אסאך ערליי מדריגות. וועגן דעם האבן די חכמים מתקן געווען אז מען זאל טרינקען, צו ווייזען א רמז אויף דעם, אז עס איז א טאג פון קבלת התורה.

**שבת** פאר פורים דארף מען ליינען די פרשה פון זכור את אשר עשה לך עמלק (דברים כה-יח). והימים האלה נזכרים ונעשים (אסתר ט-כח), דרשנ'ט די גמרא (מגילה ל.), קודם דארף זיין נזכרים, מען דארף דערמאנען דעם מחיית עמלק, און נאכדעם נעשים. ביי די מעשה פון אחשורוש איז געווען נעשים, מען האט עס מקיים געווען בפועל, די אלע וואס מען האט גע'הרג'ט, זענען געווען פון עמלק. מוז מען ליינען פאר פורים, די פרשה פון מחיית עמלק. פארוואס, ווייל די סדר פון תורה גייט דאך סור מרע ועשה טוב (תהלים לד-טו), קודם דארף מען אוועקגיין פונעם שלעכטס, און נאכדעם קען מען טון גוטס. ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי (תהלים נ-טז). קומט אויס, אז ווילאנג מען איז א רשע, ווילאנג מען האט נאך אין זיך דעם רע, איז די שמחה פון קבלת התורה נאכנישט קיין ריכטיגע שמחה. וואס האב איך פון א רשע וואס איז מקבל די תורה, מה לך לספר חוקי. האבן די חכמים מתקן געווען אז א שבת פאר דעם, זאל מען ליינען די פרשה פון מחיית עמלק, וואס מחיית עמלק איז דא דער חלק פון סור מרע. יעדער דארף מוחק זיין, זיין חלק עמלק וואס ער האט אין זיך. נאכדעם וואס מען וועט האבן והימים האלה נזכרים, נאכדעם וועט קענען זיין נעשים, וועט מען קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת ש"ב **הרה"ג רבי חיים יהודה כ"ץ שליט"א** (בן אחיו כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן ומסב"ג זצ"ל), עב"ג בן **הרה"ג רבי הערש אלימלך הערשקאוויטש שליט"א** דומ"ץ קלויזענבורג (לעיקוואד), שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ונתכבד בברכה אחריתא.

*

***יום שני פרשת צו***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בשמחת התנאים של בת הר"ר **יוסף רובין** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב אשר וועבער** הי"ו, שהתקיים בבית אבי הכלה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

***יום שלישי פרשת צו***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסידור קידושין אצל החופה של החתן **יונתן** נ"י בן הר"ר **יודל פאסטערנאק** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב יוסף רייכמאן** הי"ו, שהתקיים באולם ווילהאוויץ.

*

***יום רביעי פרשת צו – תענית אסתר***

בשעות אחר הצהרים נכנס **רבינו שליט"א** להתפלל תפלת מנחה בבית מדרשנו, ותרם ג' מטבעות של מחצית השקל לפני התפלה.

אחר תפלת ערבית התעטף **רבינו שליט"א** בטלית, וקרא את המגילה בהתעוררות ובנעימה קדושה, שארכה קרוב למשך שעה.

*

***יום חמישי פרשת צו - פורים***

ביום הפורים כאשר הגיע **רבינו שליט"א** לביתו נאוה אחר תפלת שחרית וקריאת המגילה, קיים מצות משלוח מנות לרבני ואדמור"י העיר, וקרובי המשפחה. אחר כך נטל ידיו לסעודה, וקיבל המוני אנ"ש במשך שעות היום במשלוח מנות, ולהפקד בדבר ישועה ורחמים.

בשעות הערב נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודת פורים השנית בביתו נאוה קודש (והפסיק לתפלת מעריב אחר אכילת הדגים), והשתיה כדת של תורה, כשכל כולו חטיבה אחת של התעוררות ודביקות עילאה, בעת ששרים ניגוני כיסופים וערגה, ניגוני חב"ד עתיקים, המעוררים לב ונפש בצמאון להשי"ת.

לערך בשעה עשר בלילה עבר **רבינו שליט"א** לבית מדרשנו לעריכת שלחנו הטהור לכבוד היום. איה השוקל ואיה הסופר לתאר גודל התרוממות הנפש והתעוררות הגדולה ששרתה יותר מחמש שעות, בעת אשר כטוב לב המלך ביין, השפיע עלינו שמחה וחדוה עילאה ממעון הברכות, והשמיע משיחותיו הקדושות המלאים זיו ומפיקים נוגה, בביאורים מאירת עינים בפסוקי המגילה, מילין קדישין ושיחות קודש, אשרי עין ראתה כל אלה.

בין השיחות ניתן ריוח להתבונן בשמחת היום, כששרים ומזמרים ניגוני שמחה וששון, וכל קהל הקודש רוגשים

ורוקדים בעוז ותעצומות בחדוה עילאה. בין הפרקים נשמעו דברי בדחנות מהרה"ח רבי **נחמן לאווי** הי"ו, ובנועם אמרותיו ובחרוזים מיוחדים חזר על הדברות קודש שאך זכינו לשמוע **מרבינו שליט"א**.

אחר ברכת המזון עברו כל הקהל לקבל כוס של ברכה, בעוד שממשיכים בניגוני שירה וזמרה לכבוד היום, **ורבינו שליט"א** יצא מבית המדרש [לערך בשעה שלש וחצי בלילה] בקול שירה וזמרה, ימים על ימי מלך תוסיף וכו'.

**נצטט בכאן איזה פנינים וציטוטים שנשמעו מפי רבינו שליט"א במשך עריכת השלחן הטהור** *(שאר הדברי תורה נדפסו בגליון 'דברי תורה'):*

♦ בתוך הדברי תורה אמר **רבינו שליט"א**: עס איז א דבר פלא, עס שטייט אין די גמרא (מגילה טז.), אז בשעת זי האט געזאגט איש צר ואויב, האט זי געוואלט ווייזן אויף אחשורוש, דו ביסט דער צר ואויב וואס האט ארויסגעגעבן די גזירה. איז געקומען א מלאך, און ער האט אוועקגעדרייט איר פינגער, זי זאל ווייזן אויף המן, המן הרע הזה. וואו איז דער שכל פון אסתר? מען גייט אריין צום מלך, מען וויל זיך מתחנן זיין על עמה, זיך מתחנן זיין אז ער זאל רחמנות האבן אויף איר פאלק. אנשטאט אנווארפן די שולד, אז עס איז דא עפעס א פרעמדער וואס האט דא אנגעדרייט, און ער פארדרייט דיר דעם קאפ, און איך בעט דיך, אז דו זאלסט זיך נישט איבערעדן פון אים. און ער פרעגט מי הוא זה ואי זה הוא אשר מלאו לבו לעשות כן, ווייזט זי, דו מלך. וואס מיינט זי? אז נאכדעם גייט זי אים זאגן, איך בעט דיך דריי דיך איבער דיין מחשבה, און זיי מציל אלע יודען? וואו איז געווען איר מחשבה?

**נאר** עס איז נישט קיין קשיא, ווייל די גמרא (מגילה טו.) זאגט דאך, ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות (אסתר ה-א) ווען זי איז אריינגעגאנגען, איז זי נישט אריינגעגאנגען אזוי ווי מען גייט משתדל זיין פאר א בשר ודם, אזוי ווי אונז גיי מיר משתדל זיין צום פרעזידענט, צו אונז גיי מיר צו די סענאט, צו די קאנגרעס, און מען בעהט א בקשה אז מען זאל צוריק ציען א גזירה. ותלבש אסתר מלכות, זאגט די גמרא, עס שטייט נישט אין פסוק ותלבש אסתר 'בגדי' מלכות, זי האט זיך נישט אנגעטון די בגדי מלכות, זי האט זיך אנגעטון רוח הקודש. מיט רוח הקודש איז זי אריינגעגאנגען צום מלך אחשורוש זיך מתחנן זיין אויף די גזירה.

**אפשר** קען איינער מסביר זיין, ווי אזוי מען טוט זיך אן רוח הקודש? ותלבש אסתר מלכות, זי האט זיך אנגעטון מיט רוח הקודש. ווי אזוי טוט מען זיך אן מיט רוח הקודש? דאס איז עפעס א מאנטל, מען טוט זיך אן א געבלימטע בעקיטשע, און מען גייט אריין צום מלך?! און ותלבש אסתר מלכות, מיט דעם האט מען שוין רוח הקודש?! פארשטייט דאך יעדער איינער, אז רוח הקודש איז דער טייטש, אויסגעטון פון די וועלט! עס איז נישט שייך קיין רוח הקודש ווילאנג א מענטש איז מגושם. זי האט זיך אויסגעטון פון דעם עולם, זי האט זיך מדבק געווען אינעם אייבערשטען, און אזוי האט חל געווען אויף איר א רוח הקודש. ווי עס שטייט אין **רמב"ם** (הל' יסודי התורה פרק ז'), אז א יעדער נביא, בשעת ער האט מקבל געווען א נביאות פונעם אייבערשטען, איז ער נישט געווען אויף דעם עולם, און ער האט זיך געדארפט מתפשט זיין פון זיין גאנצן גשמיות, בשעת ער איז אריינגעקומען צום מלך. ותלבש אסתר מלכות, זי איז נישט געווען אויף דעם עולם, זי איז געווען דעמאלטס אין עולם אצילות, איך ווייס אין וועלכע וועלט זי איז געווען?

**איך** דערמאן זיך א מעשה וואס איך האב געהערט פון **מיין טאטען ז"ל**, [איך מיין אז מיין טאטע האט געזאגט, אז ער האט געהערט די מעשה פונעם **קלויזנבורגער רב זצ"ל**], האט ער פארציילט, אז דער **צאנזער רב זי"ע**, איז דאך געווען אייביג זייער פארקאכט. און אמאל איז געווען וואס ער האט זיך נישט גוט געשפירט, ער איז געווען זייער הייזעריג, און ער האט געהיסט די גאנצע צייט. און דער **גארליצער רב** [ער איז געווען א שארפער יוד] האט געהייסן אז מען זאל אריינברענגען א טיי פארן פאטער, און מען האט אים אראפגעלייגט א טיי. דער פאטער איז דאך געווען פאר'מח'ט, האט ער דאך נישט געטרינקען די טיי. און דער גארליצער רב זאגט אים, טאטע, מען האט דיר צוגעגרייט א טיי צו טרינקען, טרינק די טיי. האט דער הייליגער צאנזער רב זיך אנגערופן, אין עולם האצילות טרינקט מען נישט קיין טיי! ער איז געווען דעמאלטס אין עולם אצילות, און מען זאגט אים ער זאל טרינקען א טיי?! אין עולם אצילות טרינקט מען נישט קיין טיי! האט

אים דער גאליצער רב צוריקגעזאגט, טאטע, אין עולם האצילות הוסט מען נישט! אז מען הוסט, איז מען אויף די וועלט, דארף מען טרינקן א טיי.

**ווען** אסתר איז אריינגעקומען צו אחשורוש, און עס איז געווען ותלבש אסתר מלכות, איז זי געווען אין עולם האצילות, און אין עולם האצילות איז נישט דא קיין ליגענט, דארט איז אלעס אמת! און ווען מען פרעגט מי הוא זה ואי זה הוא אשר מלאו לבו לעשות כן, ענטפערט זיך אזוי ווי מען ענטפערט אין עולם האצילות. און מען ענטפערט, יא, דו אחשורוש, דו ביסט דער וואס האט עס געטון. איי דו ווערסט דאך גארנישט אויפטון מיט דעם וואס דו ווילסט זיך מתחנן זיין. איר קאפ איז דען דא? זי האט עפעס צו טון מיט א בשר ודם? זי גייט זיך מתחנן זיין צו אחשורוש? זי איז זיך מתחנן צום אייבערשטען! זי איז יעצט אין א אנדערע וועלט. אין א אנדערע וועלט ווען מען פרעגט מי הוא זה ואי זה הוא אשר מלאו לבו לעשות כן, ענטפערט מען דעם אמת. דער אמת איז, אז דו ביסט דער צר ואויב, דו ביסט א גרעסערער רשע ווי דער המן. איי לויט די חשבונות קומט נישט אויס אז מען דארף אזוי ענטפערן. זי איז נישט אויף דעם עולם יעצט, זי איז יעצט ותלבש אסתר מלכות. ווען מען געפונט זיך אין מלכות, אינטערעסירט נישט די גאנצע וועלט, אלעס איז הבל הבלים. מען מאכט נישט קיין חשבונות, יענער וועט טראכטן, יענער וועט זאגן, יענער וועט מיינען, מאי נפקא מינה, דו ביסט נישט דא, דו ביסט אויף א אנדערע וועלט דעמאלטס. און אזוי איז געווען ביי אסתר ווען זי איז אריינגעקומען צום מלך אחשורוש. ביז א מלאך איז געקומען, און דער מלאך האט איר איבערגעדרייט די פינגער, און געוויזן, ניין, נישט דיך מיין איך, איש צר ואויב 'המן' הרע הזה. אבער זי פון זיך אליין האט געזאגט דעם אמת, אז אחשורוש איז דער צר ואויב.

*

♦ בסיום הדברי תורה על הפסוק כי מרדכי היהודי משנה למלך אחשורוש וגדול ליהודים ורצוי לרוב אחיו, אמר **רבינו שליט"א:** מגילת אסתר ענדיגט זיך, כי מרדכי היהודי משנה למלך אחשורוש, וגדול ליהודים, ורצוי לרוב אחיו (אסתר י-ג). עטץ זאלטס וויסן, אזא גרויסער מרדכי, איז נאר רצוי לרוב אחיו, ער איז נישט רצוי פאר יעדן איינעם. **מען דארף קיינמאל נישט זיין צובראכן, אז מען זעהט, און מען הערט, אז מען רעדט אויף צדיקים, און מען רעדט אויף ערליכע יודען, אזוי גייט עס! אויף משה רבינו האט מען אויך אזוי גערעדט.** משה רבינו איז געווען דער ולא קם נביא עוד בישראל כמשה (דברים לד-י), און פון דעסטוועגן דאך האט ער געהאט מענטשן וואס האבן מרנן געווען אויף אים, והביטו אחרי משה (שמות לג-ח). איך האב געהערט פון **מיין טאטען ז"ל**, ער פלעגט אייביג צו זאגן, אז די גמרא (קידושין לג:) וויל אפילו נישט נאכזאגן, וואס מען האט געזאגט אויף משה רבינו. די גמרא זאגט נאר, והביטו אחרי משה, לגנאי, כדאיתא (בירושלמי ביכורים ג-ג). דו ווילסט וויסן, גיי זוך, איך וועל דיר אנווייזן וואו דו ווערסט טרעפן וואס מען האט גערעדט אויף משה רבינו. אבער די גמרא האט נישט ארויסגעשריבן קיין שום דבר וואס מען האט גערעדט אויף משה רבינו. אבער מען האט גערעדט אויף אים.

**מרדכי** האט אונז איבערגעלאזט א צוואה, ווען אונז גיי מיר אוועק פון די צייטן פון די נביאים, און עס גייט זיך ענדיגן די מגילת אסתר. עטץ זאלט וויסן, אז פון דעסטוועגן דאך איז מרדכי היהודי דער גדול ליהודים. דער צדיק וועט אייביג בלייבן גדול ליהודים, אפילו ווען ער וועט נאר זיין רצוי לרוב אחיו, נישט יעדער וועט זיין צופרידן פון אים, זאל מען נישט צובראכן ווערן. מען זאל וויסן, אז א צדיק קומט אזוי, אז ער איז רצוי לרוב אחיו. און פון דעסטוועגן דאך, דער צדיק איז דורש טוב לעמו, ער קוקט נאר וואס איז גוט פאר יודען, ודובר שלום לכל זרעו, און ער רעדט נאר אלץ פארן אייבערשטען, אז עס זאל זיין שלום לכל זרעו. דאס איז די עבודה פון צדיקים, שטענדיג נאר ממליץ צו זיין גוטס אויף יודישע קינדער.

**און** דער מרדכי הצדיק באגלייט אונז אין אלע דורות שפעטער, ווייל מיט אים האט זיך געענדיגט די לעצטע נבואה, די לעצטע נביאים פאר כלל ישראל איז געווען מרדכי מיט אסתר הנביאה, ביי זיי האט זיך געענדיגט די נביאות. וועגן דעם זענען מיר אזוי דבוק אין דעם טאג פון פורים, וואס דער לעצטער נביא און נביאה וואס איז געווען אין כלל ישראל, האבן אהערגעשטעלט פאר אונז די ימי הפורים. אונז בלייב מיר דבוק, אונז האבן מיר נישט קיין נביאים

נאכדעם, אונז האב מיר נישט ווער עס זאל אונז ברענגען דעם דבר ה' נאכדעם, אבער פון דעסטוועגן דאך זענען מיר דבוק אין די נבואה פון מרדכי מיט אסתר, און דאס גיט אונז כוחות אין אלע דורות שפעטער.

**און מען האט געזעהן בחוש, אז די וואס האבן זיך געהאלטן צו ערליכע יודען צוזאמען, זיי זענען געווען דבוק צו צדיקים, פון די איז געבליבן, זיי, און זייערע קינדער, און זייערע אייניקלעך. און די וואס האבן זיך אפגעטיילט, רצוי לרוב אחיו. הע, דער רבי איז נישט אזוי גרויס, דער רבי איז נישט אזוי ווי עס איז געווען אמאל, דער רבי איז נישט אזוי ווי עס איז געווען אין דעם בעל שם טוב הקדוש'ס צייטן, וואו זענען זיי אנגעקומען? וואו זענען זייערע קינדער און זייערע אייניקלעך? וואו זענען זיי? וואו וואלגערן זיי זיך? נאר די וואס זענען געבליבן דבוק צו ערליכע יודען, די זענען געבליבן אין אלע דורות שפעטער.** זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען זיין דבוק אין אונזערע רבי'ס.

**איך** בין געווען אין פאלם ספרינגס, דאווענט מען דארט אין א ליובאוויטשער בית המדרש, און דער רב דארט לערנט יעדן טאג דעם ספר **היום יום**. עס איז דא פונעם **פריער'דיגן ליובאוויטשער רבי** (האדמו"ר מהריי"צ) **זכרונו לברכה**, א פתגם וואס ער האט איבערגעלאזט אויף יעדן טאג, וואס די חסידים זאלן לערנען, איין געוויסען מאמר. אין ארום דריי הונדערט און פינף און זעכציג טעג, קלויבט מען זיך אן אסאך ידיעות. עס איז געווען זיין חכמה פון פריער'דיגע צדיקים, וואס ער האט איבערגעלאזט א חסידישן מאמר. איך שטעל מיך פאר, אז ער האט געדארפט אריינלייגן אסאך קאפ, וואס ער האט געטראכט אויף יעדן טאג וואס פאר א מימרא ער זאל איבערלאזן אויף דעם טאג, וואס דאס זאל באגלייטן דעם יוד דעם גאנצן טאג. און ער האט אראפגעשטעלט דעם היום יום, אויף פינף שורות, זעקס שורות, אכט שורות, נישט קיין גרויסע זאכן, נאר קלייניגקייטן. און דער רב דארט, לערנט פאר צווישן מנחה מעריב פונעם היום היום.

**איין** טאג בין איך געזעסן דארט צווישן מנחה ומעריב, און דער רב האט נאכגעזאגט פונעם היום יום (יום ל' שבט), אז ביי חסידים הראשונים, ביי די פריער'דיגע חסידים, דעם טאג וואס זיי האבן זוכה געווען צו קומען צו זייער רבי'ן דאס ערשטע מאל, האבן זיי דעם טאג געהאלטן פאר זייער יום הולדת, עס איז זייער געבורטס טאג. אזוי ווי א מענטש וואס ווערט געבוירן בגשמיות, האלט ער דעם טאג פאר א חשיבות, דאס איז דער טאג וואס איך בין געבוירן. און ער נעמט צוזאם זיינע קינדער, מיט מתנות וכדומה, ער איז מחשיב דעם טאג. האבן זיי מחשיב געווען דעם טאג וואס זיי האבן זוכה געווען זיך מדבק זיין אין זייער רבי'ן. דעם ערשטען מאל וואס ער איז געקומען אויף ליובאוויטש, ער איז געקומען די ערשטע מאל צו זיין רבי'ן, האט ער געהאלטן דעם טאג פאר זיין יום הולדת.

**דער** רבי יוסף יצחק זכרונו לברכה, האט געהאט א רבי', און ער רופט אים אייביג מורי הרשב"ץ. [איך קען נישט פונקטליך די נאמען פון הרשב"ץ. זעהט אויס, אז דער פאטער האט אים געשטעלט א רבי'ן וואס האט מיט אים געלערנט, און ער פלעג אים אלץ רופן מורי הרשב"ץ], און פון אים ברענגט ער צו אסאך מאמרים. שרייבט ער, מורי הרשב"ץ, מיין רבי, דעם טאג וואס ער איז געקומען דאס ערשטע מאל צו זיין רבי'ן אויף ליובאוויטש, דעם טאג איז געווען ביי אים א יום טוב. עס איז די ערשטע מאל וואס ער איז געקומען צו זיין רבי'ן. אין דעם טאג, שרייבט ער, איז ער אויפגעווען די גאנצע נאכט. איך וויל פארציילן ווי אזוי עס איז אמאל געווען די דביקות פון א חסיד מיט זיין רבי'ן. דעם טאג איז ער אויפגעווען די גאנצע נאכט, ווייל דעם טאג בין איך דאך געבוירען, דעם טאג בין איך נתקרב געווארן צו מיין רבי'ן. שרייבט ער ווייטער, אין די שעה וואס ער איז אריינגעגאנגען צו זיין רבי'ן, די שעה האט ער יעדן יאר מדקדק געווען אנצוטון זיינע תפילין. תפילין איז דאך א יוד זיך מדבק צום אייבערשטען. אין דעם שעה וואס ער איז אנגעקומען צו זיין רבי'ן, האט ער דעם שעה אנגעטון די תפילין.

**עס** האט מיך אזוי איבערגענומען דער ווארט, אז איך קען ענק נישט זאגן... איך בין דאך שוין אויך נישט קיין יונגערמאן, און איך האב זוכה געווען ב"ה משמש צו זיין ביי אסאך צדיקים. נישט משמש זיין, על כל פנים זיך געדרייט ביי אסאך ערליכע יודען. איך פארשטיי די ווארט! צו פארשטיין דעם ווארט, דארף מען אויך זיין א חסידישער יוד! צו פארשטיין

וואס דאס מיינט, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה, אז מען האט געקענט צוקומען צו א צדיק, וואס על כל פנים יעדע נשמה האט זיך דאך זיין צוגעבינדענקייט צו דעם צדיק וואו ער איז. אז דער טאג זאל זיין ביי אים זיין יום הולדת, עס איז מיין חשוב'סטער טאג וואס איך האב אין מיין לעבן! היינט בין איך געבוירען געווארן, היינט האב איך זיך מדבק געווען צו א פלאץ ווי דא גיי איך שעפן תורה און יראת שמים. יעדעס יאר, ווען עס איז אנגעקומען דער טאג, האט ער נישט געקענט שלאפן ביינאכט, עס האט אים איבערגענומען זיין צוגעבינדענקייט צו זיין רבי'ן, אז ער האט נישט געקענט איינשלאפן! די שעה וואס ער איז אריינגעגאנגען צו זיין רבי'ן איז געווען ביי אים אזוי הויך, יעצט איז ער זיך מדבק, ער טוט אן די תפילין, און ער בינדט זיך צו, צום רבונו של עולם!

**דאס** האט אונז מרדכי הצדיק איבערגעלאזט. דער לעצטער פסוק וואס ער האט געשריבן, מיט דעם האט ער געענדיגט, מען זאל וויסן, כי מרדכי היהודי, ער איז דער 'משנה' למלך אחשורוש, ער קען 'טוישן' א מלך אחשורוש. וגדול היהודים, און נאך גרעסער קען ער טוישן א יוד! דאס איז געבליבן ביי אונז, דאס איז געבליבן דער כח, אונז זאל מיר זיך קענען מדבק זיין שטענדיג אין ערליכע יודען. אשרינו מה טוב חלקינו, כלל ישראל האט זיך ב"ה זייערע רבי'ס, ווי יודען זענען זיך מדבק צו זיי. און יודען טוען שעפן פון זיי, זייער תורה און עבודת ה', און זייער יראת שמים.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אונז זאל מיר קענען זיין אייביג דבוק, מען זאל קענען שפירן אז דאס איז מיין יום הולדת! דעם טאג וואס איך האב מיך מדבק געווען צו מיין רבי'ן, איז מיין טאג וואס איך בין געבוירן. אויב ער שפירט עס נישט, האט ער זיך נאכנישט מדבק געווען צו זיין רבי'ן! ווען ער וואלט זיך מדבק געווען, וואלט ער געשפירט אז דעמאלטס איז ער געבוירען געווארן! נישט ער איז געבוירען געווארן ווען די מאמע האט אים געבוירען, דאס איז נאר א גשמיות'דיגע הולדה. די רוחניות'דיגע הולדה וואס א יוד האט, איז אין דעם טאג וואס ער האט זוכה געווען צוצוקומען צו איינעם וואס האט אים ארויפגעברענגט אין זיין תורה און יראת שמים, צו זיין דבוק אינעם אייבערשטען. איך בענק זיך צוריק צו מיינע רבי'ס וואס איך האב געהאט, און איך האב זיך ב"ה מדבק געווען. און איך קען נישט אפגעבן גענוג שבח והודאה פארן רבונו של עולם אויף די אלע טעג וואס איך האב זוכה געווען זיך מדבק צו זיין, און גיין אין זייערע וועגן. עס איז ביי מיר באמת נישט נאר א יום הולדת, עס איז מער ווי א יום הולדת, דעם טאג וואס מען האט זוכה געווען דערצו.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אונז אלע זאל מיר זוכה זיין, זיך מדבק צו זיין שטענדיג אין צדיקי אמת, אין צדיקים וואס זיי זענען מאיר די וועלט, וואס זענען ממשיך דעם וועג פון מרדכי היהודי, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אי"ה אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

♦ אחר ששרו הניגון אשרינו מה טוב חלקנו, אמר **רבינו שליט"א:** אשרינו מה טוב חלקינו, ומה נעים גורלינו, ומה יפה ירושתינו. ביי חסידים פלעגט מען צו זאגן, אשרינו מה טוב חלקינו, אז אונז זעמיר יודען. ומה נעים גורלינו, אז אונז זעמיר חסידים. ומה יפה ירושתינו, האט יעדער געזאגט אויף זיין אייגענעם רבי'ן, אז ער האט אויסגעקליבן דעם רבי'ן, דאס איז דער יפה ירושתינו. - דאס איז נישט א ווערטל, דער אייבערשטער שיקט צו, יעדע נשמה האט זיין פלאץ וואו ער דארף אנצוקומען, און יעדער איז דבוק אויף זיין פלאץ וואו זיין שורש איז. און דער אייבערשטער האט ב"ה איבערגעלאזט פאר כלל ישראל א גרויסע אויסוואל פון ערליכע יודען, פון צדיקים, יעדער זאל זיין דבוק דארט וואו ער איז, און דארט זאל ער מקבל זיין די השפעה וואס ער דארף צו האבן. ומה יפה ירושתינו, מען האט געגעבן א הודאה פארן אייבערשטען, ווי גוט איז, און ווי זיס איז, און ווי וואויל איז, דעם פלאץ וואס דער אייבערשטער האט אונז אונטערגעשטעלט, אונזער ירושה.

**איך** מיין אז מען קען זאגן נאך א ענין דערין. מען האט פריער געזינגען דעם זמר ומה נעים גורלינו, ומה יפה ירושתינו. פארוואס לעבט א יוד אויף די וועלט? ער זאל קענען אוועקגעבן דאס לעבן פארן אייבערשטען! דער באשעפער גיט אונז אזא חשוב'ע זאך, דאס לעבן. די חשוב'סטע זאך ביי א מענטש, איז זיין לעבן, און דאס גיט ער אוועק פארן רבונו של עולם, און ער איז מקבל אויף זיך מסירת נפש. די

חשוב'סטע זאך וואס דער רבונו של עולם האט מיר געגעבן, געב איך אוועק פאר דיר רבונו של עולם.

**ואהבת** את ה' אלקיך, א יוד דארף ליב האבן דעם אייבערשטען, בכל לבבך, מיטן גאנצן הארץ, ובכל נפשך, מיט דיין גאנצן לעבן. איך געב אוועק מיין גאנץ לעבן פאר דיר רבונו של עולם. ובכל מאודך (דברים ו-ה), אלעס וואס איך וויל זייער שטארק האבן, געב איך אויך אוועק פאר דיר. ביי אטייל מענטשן מיינט עס בכל ממונך, ווייל געלט האט ער זייער ליב, מער פון זיך אליין. אבער ווען עס איז נישט דער פשט בכל ממונך, מיינט עס בכל מאודך, בכל מדה ומדה שמודד לך, הוה מודה לו מאד מאד. איך געב אלעס אוועק פארן אייבערשטען.

**המן** האט געמאכט א גורל להשמיד ולהרוג ולאבד את כל היהודים. עטץ מיינטס אז עס איז אזוי שלעכט. עס איז מסירת נפש פארן אייבערשטען, מען הרג'עט אים ווייל ער איז א יוד, ווייל איך בין דבוק אינעם אייבערשטען, האב איך אוועקגעגעבן מיין לעבן פארן אייבערשטען! מה נעים גורלינו, ווי זיס דארף זיין ביי א מענטש דער גורל, אז ער איז נבחר געווארן צו ווערן א קרבן פארן אייבערשטען.

[בדברו מענין מסירת נפש על קידוש ה', פנה **רבינו שליט"א להרב נפתלי לעבאוויטש שליט"א** ואמר: רבי נפתלי, איך האב געליינט אייער ספר (**נפלאותיך אשיחה**), כמעט רובו האב איך אדורכגעקוקט, איך האב א געוואלדיגע הנאה געהאט דערפון, דאס וואס איר האט געשריבן פונעם רבי'ן (**הרה"ק מסאטמאר זצ"ל**), עס איז געווען זאכן וואס איז מיר אריבער אין זכרון פון שנים קדמוניות. ווילאנג איז דער רבי שוין נישט געזונט געווען, פון תשכ"ח, תשכ"ט, עס איז שוין פופציג יאר אריבער. זאכן וואס זענען געווען דברים כנתינתן מסיני, איבערגעגאנגען די וואכענדיגע טעג, די שבת'דיגע טעג, רוב פון די חלקים האב איך מיטגעלעבט צוזאמען, עס האט מיך אסאך צוריק געברענגט צו אלטע זכרונות. אויך וואס איר באשרייבט די קריג, ווייל מיינע עלטערן זענען געווען צוזאמען אין די קבוצה וואו עטץ זענטס געווען, איך האב אייביג געהערט ווי אזוי זיי האבן געארבעט אין די אנקערבראד פאבריק, די בילד דערפון האב איך געזעהן דארטן אין דעם ספר.]

**דער** גורל פון המן, איז באמת מה נעים גורלינו. עס וואלט גארנישט אזוי שלעכט געווען, ווען א יוד גייט אוועק פון די וועלט אויף קידוש ה'. ער האט זיך אויסגעארבעט זיין לעבן, און ער האט אוועקגעגעבן דאס לעבן פארן אייבערשטען. אונז לעב מיר דען כדי צו עסן אייזקרי"ם? צו כדי צו פארדינען געלט? דאס איז אונזער לעבן?! דאס לעבן איז דאך אז מען זאל צוקומען דערצו אז מען זאל קענען אוועקגעבן די חשוב'סטע זאך וואס אונז האב מיר, פארן אייבערשטען. דער גורל פון המן איז באמת געווען ביי אונז 'נעים גורלינו', אונז גיי מיר אוועקגעבן אונזער לעבן, ווייל אונז זעמיר עבדי ה', און עס אינטערעסירט אונז גארנישט, אונז דארף מיר נישט אונזער לעבן, מען דארף נישט די ווייב מיט די קינדער, מיט די געלט מיט די פאבריקן, מען דארף גארנישט. מען דארף זיך אוועקגעבן פארן אייבערשטען! דאס איז דער נעים גורלינו.

**ומה** יפה ירושתינו, וואס וואלט געווען נאכדעם, עס וואלט געווען זייער גוט אונזער ירושה. יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה (אבות ד-יז). אונז לעב מיר אין א פארדרייטע וועלט. אונז מיין מיר אז די וועלט איז גוט, די וועלט וואו מען האט אלע תענוגים, דאס איז די גוטע וועלט. דאס איז נישט די וועלט, דאס איז נאר א קלייניגקייט אקעגן דעם ומה יפה ירושתינו. ווי גוט איז אונזער ירושה וואס אונז גיי מיר האבן פון דעם ארויסגיין פון פרוזדור צו דעם טרקלין, דאס איז ביי אונז די חשוב'סטע אויף די וועלט. ומה נעים גורלינו, עס איז גאנץ בא'טעמ'ט דער גורל וואס המן האט געמאכט אויף אונז. ומה יפה ירושתינו, עס איז גוט די ירושה וואס אונז גיי מיר באקומען נאכדעם.

**אבער** אונז זאג מיר, ניין! אונז זעמיר מוחל מסירת נפש, אונז זעמיר מוחל אונזער גן עדן, אונז וויל מיר דינען דעם אייבערשטען. און יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי העולם הבא (אבות ד-יז). אונז דארף מיר נישט קיין עולם הבא, אונז דארף מיר נישט קיין ירושתינו, אונז דארף מיר מה טוב חלקינו, אונז דארף מיר האבן מען זאל זיין געזונט, און דינען דעם אייבערשטען. יעדן טאג טון נאך א מצוה און נאך א מצוה, נאך אריינכאפן עפעס צו טון פארן אייבערשטען, דאס איז דער מה טוב חלקינו. מה טוב, אין טוב אלא

תורה (אבות ו-ג), דאס איז דער חלקינו, דאס דארף זיין ביי אונז דער חלקינו. עס איז טאקע מה נעים גורלינו, עס איז גוט דער גורל, ומה יפה ירושתינו, עס איז גוט די ירושה, אבער ביי אונז איז די חשיבות מה טוב חלקינו, די צייט וואס אונז זעמיר אויף די וועלט, אונז קען מיר דינען דעם אייבערשטען, דאס איז דער טוב.

**איך** שלאג מיך ארום אסאך מאל מיט די מחשבה, [איך ווייס נישט צו איך זאל רעדן דערפון, איך בין נישט קלאר יעצט ממילא קען איך נישט...] וואס איז בעסער פאר א מענטש? אוועקגיין פון די וועלט מיט יסורים, און ממרק זיין די עונות אויף דעם עולם. צו בעסער אז ער זאל אויסלעבן די וועלט מיט מצוות ומעשים טובים, און מירוק עוונות זאל ער איבערלאזן אויף יענע וועלט. וואס איז חשוב'ער? איך טראכט אסאך מאל. אסאך מחשבות האב איך דערין, וואס א מענטש דארף זיך בוחר זיין. צו זיין געזונט ביז די לעצטע מינוט, און קענען אויסנוצען דעם לעבן אויף די וועלט. נאך לערנען, נאך דאווענען, נאך טון מצות ומעשים טובים. איי מען האט דאך געזינדיגט, און מען דארף האבן מירוק עונות, לאמיר עס אוועקלייגן אויף א צייט וואס קאסט אונז נישט קיין תורה און קיין מצות און קיין מעשים טובים, אויף יענע וועלט. צו ניין, צו מען זאל אויף די וועלט אפקומען אלע מירוק עונות, און ארויפקומען אויף יענע וועלט ריין מיט אלעם.

**מיין** איידעם זאגט, יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי העולם הבא. אשרינו מה טוב חלקינו, דאס איז ביי אונז די ערשטע. ווי לאנג אונזער חלק איז אינעם טוב, אונז קען מיר טון מצות ומעשים טובים, זאל דער אייבערשטער געבן אריכת ימים ושנים פאר אלע יודישע קינדער. זיין געזונט און שטארק ביז די לעצטע מינוט, און אוועקגיין פון די וועלט מיט אויסנוצען די צייט צו דינען דעם אייבערשטען, לערנען, דאווענען, האבן אמונה אינעם אייבערשטען, טון מצוות ומעשים טובים, דאס דארף זיין די עיקר כוונה פון א יוד. מירוק עונות, עס איז א שאד אוועקצוגעבן די צייט פון די וועלט, פון יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי העולם הבא. יענע וועלט איז ממילא נישט דא קיין מצות ומעשים טובים, זאל מען טון מיט אונז וואס מען וויל. אבער מען האט דאך גארנישט פארלוירן. מען דארף אויסנוצן די צייט אויף די וועלט צו דינען דעם אייבערשטען.

**די** שאלה איז נישט נוגע יעצט פאר אונז, דאס פסק'נט מען אויבן אין הימל. אבער על כל פנים ארויסברענגען די חשיבות פון פארשטיין דעם יפה ירושתינו. און מה טוב חלקינו, בעולם הזה. די חשיבות פון יעדע רגע וואס דער אייבערשטער גיט אונז אז מען קען דינען דעם אייבערשטען, ער קען דאווענען, ער קען לערנען נאך א משנה, ער קען לערנען נאך א בלאט גמרא, ער קען נאך א פרוטה געבן צדקה, ער קען טון נאך א דבר טוב, מחיה זיין א יודיש קינד. דאס דארף זיין בעיקר פון אונזער לעבן! אויסנוצן עס ביז די לעצטע רגע[א]. זאל דער

---

[א] בהעתקת הדברי תורה הוסיף **רבינו שליט"א**: נתעוררתי אחר כך ממה שכתוב **במאמרי אדמו"ר הזקן זצ"ל** (ירושלמי פאה א-א) וזה לשונו, הנה אנו רואים שמצות קידוש ה' גדולה מכל המצוות, והגם שיעבוד האדם חמשים שנה בעבודת ה' בתורה ומצות, כלא חשיבי לגבי מצות קידוש ה', מפני שכשמוסר נפשו בפועל ממש ליהרג על קידוש ה', קונה עולמו בשורש ומדריגה גבוה כל כך, עד שאין תורה ומצות יכולים להגיע לשם. וכענין הרוגי לוד שאין כל בריה יכולה לעמוד במחיצתן (בבא בתרא י:), וכענין רבי אלעזר בן דורדיא וכו' (עבודה זרה יז.). וזהו שבישר **המגיד להבית יוסף ז"ל** (**מגיד משרים** ריש פ' בראשית סוף ד"ה הלא) שיזכהו להיות מוסר נפשו על קידוש ה', ואחר כך איבד זכיה זו כמבואר שם. ולכאורה יפלא מהו זכיה זו, הלא כשיעסוק בתורת ה' ומצות, כשיאריך ימים יקנה לו חיי העולם הבא הרבה, וכשימות על קידוש ה' יחסר לו המעשה הטוב שהיה יכול לעשות בשנים רבות וכו'. אך הענין הוא דמעלת היסורין ומדריגת קידוש ה' גבוה הרבה מכל מעשה הטוב שהיה עושה גם בחמשים שנה. והכל הוא רק מטעם הנ"ל, שבחינת היסורים גבוה מאוד נעלה, עד שאין המשכות החסדים שמצד המעשה הטוב יכולים לעמוד שם וכו'. וזה היה טעמו של רבי עקיבא שאמר מתי יבוא לידי ואקיימנה וכו' (ברכות סא:), וזה היה מעלת רבי אלעזר ברבי שמעון שקיבל עליו יסורים וכו' (בבא מציעא פה.).

והנה להיות כמבואר בחינת היסורים הם למעלה למעלה מבחינת העבודה והמעשה, ואם כן כשהאדם מקבל היסורים אין צריך כלל לעבודה, כי מה לי קטלא כולא וכו'. על כן אמר (דברים ל-יט) ובחרת בחיים וכו', פירוש על כל זה לא תהיה הבחירה ביסורים, הגם שהם גבוהים בשורשן מאוד, כי אם כאשר יבואו מלמעלה, מאת ה' היתה זאת, וכמו שנאמר (תהלים צד-יב) אשר תייסרנו י-ה דוקא, אבל לא שיבחר בבחירה ורצון בהם, ולפטור את עצמו מן העבודה וכו', מפני שעם כל זה המעשה עיקר, כמו שנאמר (דברים ז-יא) היום לעשותם

אייבערשטער געבן, אונז זאל מיר קענען פארשטיין, אשרינו מה טוב חלקינו...

*

♦ כשנכנס הגוי להיכל הבית המדרש נענה **רבינו שליט"א**: ביים דער הייליגער **בעלזער רב זי"ע, רבי ישכר דוב**, איז יום הקדוש נישט געווען קיין לעקטער, און מען האט געדארפט אריינברענגען ליכט אין בית המדרש, און עס איז געווען א שאלה צו מען מעג הייסן פאר א גוי אריינברענגען ליכט אין בית המדרש. און ער האט געזאגט אז מען קען אריינברענגען א גוי אין בית המדרש אנצינדן די ליכט, אז דער רבונו של עולם זאל זעהן וואס א גוי איז, און וואס אונז זעמיר. אשרינו מה טוב חלקינו...

*

♦ בשיחה עם הבדחן בענין הדרשת ז' אדר: איך וויל דיר עפעס פארציילען. עס איז געווען ז' אדר, האב איך געזאגט דא א דרשה, און איך האב געזאגט אז איך האב געהאט א חלום מיט **רבי יחזקאל ראטה זצ"ל**, און איך האב אים געזאגט, אז מען שפירט ביי אים אוירא דארץ ישראל. האט מיך היינט איינער געפרעגט, וואס דאס מיינט אז מען שפירט אוירא דארץ ישראל. איך וועל דיר זאגען וואס איך האב אים געענטפערט. איך האב אים געפרעגט, ווען איינער זאל פרעגן יענעם, וואס פאר א טעם די פלייש האט? ער קען עס אים נישט מסביר זיין. - דאס קען מען אויך נישט מסביר זיין.

*

♦ בשיחה עם הנ"ל בענין הפירוד ומחלוקת בין אנשים אחים: זיי עס מסביר. ווי אזוי קען דאס זיין? ווי אזוי איז מעגליך אז עס זאל זיין? ווי מעג עס זיין? עס האט א הסבר? דו ווייסט וואס יענער האט געזאגט, עס איז נישט דא קיין שנאת חנם, אלעס האט א הסבר, אדער געלט אדער כבוד. עס איז נישט דא קיין שנאת חנם. ווי קומט עס, אז ביי צוויי יודישע קינדער, צוויי ברודערס, זאל קענען זיין א הרחקה. וואס עס זאל זיך נאר מאכען אויף די וועלט. האט עס א הסבר? עס איז חוץ לגדר השכל. עס איז נאר אז דער כח היצר איז אזוי גרויס, אז עס איז מעוור עיני חכמים, ויסלף דברי צדיקים. ודובר שלום לכל זרעו. איך זאג נישט אז איך בין אין די מדריגה. אבער על כל פנים איך פיל, איך קען עס נישט פארשטיין על כל פנים, עס איז ביי מיר א קשיא. נישט ביי יעדן איז עס א קשיא, ביי מיר איז עס על כל פנים א קשיא.

*

♦ אחר ששרו ניגוני שבת לכבוד ליל שישי: מען שטייט דאך נאנט צו דעם הייליגן שבת. אפשר פאסט נישט צו רעדן בגנותן של ישראל ח"ו, יעדער ווייסט, אז אמאל האט דער שבת קודש אנדערש אויסגעקוקט ווי עס קוקט אויס היינט ביי אונז. ווען איך רעד פון מיינע יונגע יארן, זענען געווען צדיקים אין די שטאט, און מען איז געגאנגען פרייטאג צונאכטס צו אן ערליכן יוד, און מען איז נתעורר געווארן פון די דברי תורה און פון די זמירות, און פון די עצם ענין ווי אזוי א צדיק האט געגעסן אים שבת.

**עס** איז אדורכגעגאנגען יארן וואס עס האט זיך אפגעשטעלט. עס איז נישט דא וואו צו גיין, עס איז נישט דא וואו צו הערן, און עס איז נאכגעלאזט געווארן ביי אונז דער ענין ווי אזוי א שבת האט אמאל אויסגעקוקט ביי ערליכע יודען. דער שבת האט אמאל געגעבן דעם כח און די חיזוק פאר א יוד אויף א גאנצע וואך, זיך צו קענען פירן ערליך. יעדן שבת איז יעדער יוד געגאנגען צו זיין רבי'ן, ער איז געגאנגען צו זיין משפיע וואו ער איז אנגעקומען. און עס האט אים אויפגעהויבן, עס האט אים אויסגעשטעלט די וועג, אז די קומענדיגע וואך זאל ער זיך קענען פירן ערליך, ער זאל האבן א באאס"ט פאר די קומענדיגע וואכעדיגע טעג. עס האט זיך אויסגעלאזט. עס איז געווארן אנדערש. די סיבות הדברים איז נישט קיין נפקא מינה פארוואס, אבער דאס איז די מעשה.

*

---

(עירובין כב.). וזה כל האדם, כי לא נברא האדם אלא בשביל העבודה דוקא (שהוא היפך היסורים), דהיינו בחינת ההמשכות אלקות בתורה ומצות וכו'. וזהו ובחרת, הבחירה שלך, לא תהיה רק בחיים לאהבה את ה' וכו', על ידי עבודת התורה ומצות וכו', אך אם יבואו היסורים מלמעלה ולא מצד עצמך, אז תקבלם באהבה, כי שורשם גבוהים מאוד כנ"ל.

**די** גמרא (חולין קלט:) זאגט, אסתר מן התורה מנין, וואו איז דא א רמז אין די תורה אויף אסתר? ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא (תענית ט.), אונז קען מיר זיך נישט אוועקרוקן פון די תורה, אויף יעדע זאך טרעף מיר אונז א רמז אין די תורה, אויף יעדן זמן וואס איז געווען אין כלל ישראל. ווען חכמינו זכרונו לברכה וואלטן געלעבט היינט, וואלט זיי געשריבן א רמז אויף תשפ"ב, ווי אזוי עס קוקט אויס ביים כלל ישראל, וואו עס שטייט אין די תורה הק'. עס איז נישט דא קיין זאך וואס איז נישט מרומז אין די תורה. פרעגט די גמרא אסתר מן התורה מנין, פון וואו ווייס איך דער ענין פון אסתר, אין די תורה? זאגט די גמרא, יא, עס איז דא רמז. שנאמר (דברים לא-יח) ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא, דער אייבערשטער וועט מסתיר זיין, זיין פנים פון יודען. ואנכי הסתר אסתיר, עס איז א דאפעלטער לשון. 'אסתיר' בשעת עס וועט זיין די מעשה פון אסתר, וועט זיין א תקופה וואס וועט זיין 'ואנכי הסתר' אסתיר פני. עס וועט זיין א הסתר פנים פונעם אייבערשטען צו יודען.

**איך** מעג פרעגן, וויפיל טעג האט גענומען דער הסתר פנים ביי יודען, אין די צייט פון אסתר? נישט קיין סאך. ווען ער האט געווארפן דעם גורל, איז געווען חודש ניסן. און די גורל איז אויסגעקומען אויף א יאר שפעטער, אויף חודש אדר. און תיכף דעם צווייטן טאג פסח, האט מען שוין געהאנגען המן. און אסתר איז אריינגעגאנגען לבקש מלפניו על עמה, און מען האט תיכף מבטל געווען די גזירה. דאס איז טייטש, נאכן צווייטן טאג פון די משתה, איז בטל געווארן די גזירה. שליח הספרים איז טאקע געווען כ"ג סיון, אבער על כל פנים, די לענגסטע וואס עס האט געדויערט, איז געווען פון ראש חודש ניסן ביז אינמיטן סיון. מען האט שוין געוואוסט פסח אז די גזירה האט זיך געענדיגט, דאס מיינט צוויי וואכן שפעטער פון דעם הסתר פנים, האט מען שוין געוואוסט אז עס האט זיך געענדיגט. עס איז דא א סיבה פארוואס מען האט ערשט געשיקט די ספרים אין חודש סיון, אבער על כל פנים די גזירה ביים מלך, האט זיך שוין אפגעטון תיכף. ער האט געהייסן אז מען זאל שרייבן ספרים, צוריקצוציען די גזירה. די הסתר פנים האט נישט גענומען מער ווי צוויי וואכן. און אויף דעם ווערט אסתר אנגערופן אסתר, ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא, ווייל צוויי וואכן אין איר לעבן איז געווען א הסתר פנים? עס מאכט נישט קיין סענ"ץ? צוויי וואכן איז נישט גענוג, אז מען זאל אנרופן אז דאס איז א תקופה פון הסתר פנים. אז מען זאל א נאמען געבן 'אסתר', ווייל זי איז געווען אין די צייט וואס עס איז געווען א הסתר פנים ביי יודען.

**איך** מיין אז מען קען זאגן אנדערש. די תורה הק' וויל דא זאגן א טיפערע כוונה. די גזירה פון המן, און די ישועה וואס האט זיך אפגעטון, האט דער אייבערשטער צוגעגרייט זמנים איינס נאך דאס אנדערע, ביז עס איז צוגעקומען צו דעם, אז מען האט מבטל געווען די גזירה פון המן. און דאס האט זיך שוין אנגעהויבן אין אנהייב פונעם מלכות פון אחשורוש.

**ווער** קען די מגילה? ווען איז געווען די משתה פון אחשורוש, וויפיל יאר למלכותו? בשנת שלש. ווען האט מען גענומען אסתר צו אחשורוש? בשנת שבע האט זי חתונה געהאט. ווען איז געווען די גזירה פון המן? בשנת שתים עשרה. דאס איז טייטש, אז פון ווען עס איז געווען די משתה פון אחשורוש, ביז ניין יאר שפעטער, איז נישט געווען קיין גזירה. ווען האט זיך געענדיגט די גזירה? בשנת שתים עשרה. ווען איז געווען דער נס פון פורים? א יאר שפעטער, בשנת י"ג. ווען האט מען קובע געווען מגילת אסתר? נאך א יאר שפעטער, בשנת י"ד.

**קומט** אויס, אז די גזירה אויף כלל ישראל האט זיך אנגעהויבן, בשנת שתים עשרה, די צוועלפטע יאר פון מלכות אחשורוש. ווען האט דער אייבערשטער צוגעגרייט די ישועה פאר יודען? בשנת שלש למלכו, דעמאלטס איז געווען דער ענין פון ושתי, וואס ושתי איז נישט געקומען לפני המלך, און מען האט איר גע'הרג'ט, כדי אסתר זאל קענען צוקומען צו די מלכות. אינעם צייט ווען עס איז געווען א הסתר פנים אויף יודען, האט דער אייבערשטער צוגעגרייט די ישועה פאר יודען. בשנת שלש למלכו, האט דער אייבערשטער צוגעגרייט א ישועה פאר יודען, וואס דארף זיין ערשט בשנת שתים עשרה למלכותו, וואס דעמאלטס איז געווען די גזירה, א דיפערענץ פון צען יאר. וואס האט זיך אפגעטון אין די צען יאר? דער אייבערשטער האט צוגעפירט אלעס צו די ישועה. מען האט גע'הרג'ט ושתי, און דאס האט געגעבן דעם פתח אז אסתר זאל אריינגעקומען לבית

המלכות און אזוי ווייטער, וואס עס האט זיך געענדיגט די ישועה פאר יודען.

**וואס** האט צוגעברענגט דעם הסתר פנים פארן אייבערשטען? ווייל בשנת שלש למלכו עשה משתה, נהנו ישראל מסעודתו של אותו רשע (מגילה יב.). און ווען די יודען האבן נהנה געווען מסעודתו של אותו רשע, האט דער אייבערשטער שוין דעמאלטס צוגעגרייט די רפואה פאר יודען וואס דארף זיין אין ניין יאר ארום. אז מען זאל הרג'נען ושתי, און מען זאל נעמען אסתר צו די מלכות. - דאס איז א געוואלדיגער חידוש! וואס לערנט אונז, אז ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם, לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם (ויקרא כו-מד), זאגט די גמרא (מגילה יא.), בימי מרדכי ואסתר. אפילו ווען עס איז דא א גזירה לכלותם, איז דא השגחה פונעם אייבערשטען, וואס אין די צייט וואס זיי זענען נהנו מסעודתו של אותו רשע, האט דער אייבערשטער צוגעגרייט, אז ביום השביעי זאל דער קייזער משוגע ווערן, און ער זאל בעטן ברענגען ושתי, און מען זאל איר הרג'נען, צוצוגרייטן אז אסתר זאל קענען אריינקומען לבית המלכות.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר** (**בתורת משה** פורים קסז. ובנדמ"ח תצד), אז דער אייבערשטער האט אונז געוואלט לערנען, בנים משחיתים (ישעיה א-ד), אפילו בשעה שמשחיתים, הם בנים לישראל (קידושין לו.), ער האט צוגעגרייט די ישועה פאר יודען, אין די צייט וואס יודען זענען געווען נהנו מסעודתו של אותו רשע. הקב"ה מקדים רפואה למכה (מגילה יג:), עס דארף קומען א גזירה אויף יודען, איך גיי שוין צוגרייטן די רפואה פאר יודען, מען האט אריינגענומען אסתר בבית המלכות.

*

**איך** האב געטראכט אזוי, ויאמר ממוכן (אסתר א-טז), זאגט די גמרא (מגילה יב:) שמוכן לפורענות. המן איז געווען דער וואס האט געגעבן די עצה, און דער המן איז געווען מוכן לפורעניות. פארוואס רופט מען אן ממוכן, אז ער איז געווען מוכן לפורעניות. עס איז נאך נישט דא קיין פורעניות, און ער איז נאך נישט מוכן לפורעניות. מען רעדט פון א גזירה וואס גייט הערשט זיין יארן שפעטער. קיינמאל שפעטער רופט מען אים נישט אן ממוכן, מען רופט אים ביים נאמען המן. פארוואס רופט מען אים דא אן ממוכן, אז ער איז מוכן לפורעניות?

**דער** פשט דערפון איז. איך האב געזעהן אמאל שטיין (בשם ספר **יוסף לקח**, הובא **בייטב פנים** לפורים בסופו), דער ממוכן האט געזאגט פאר מלך אחשורוש, געווענליך אז עס איז דא א משפט אויף א מענטש, גיט מען אים א וועג, ער זאל זיך קענען פארטיידיגן. מען זאל קענען קומען צו א משפט, ער זאל קענען אראפלייגן זיין צד, און יענער וועט אראפלייגן זיין צד, און די שופטים זאלן מחליט זיין וואס עס קומט זיך. דער ממוכן האט געזאגט פארן מלך אחשורוש, ניין, ווען עס קומט צו א זאך פון מלכות אחשורוש, מען איז מורד במלכות, דארף מען נישט פרעגן קיין שופטים. יצא דבר מלכות מלפניו, ער זאל ארויסגעבן דעם דבר המלכות. מען פרעגט נישט קיינעם, דארפסט נישט האבן קיין שרים מיט קיין שופטים, מען האט דיך מבזה געווען, דו גייסט פסק'נען וואס עס קומט זיך.

**אז** אחשורוש קען פסק'נען וואס עס קומט זיך. וועט דאך קומען ושתי, און ושתי וועט זיך פארטיידיגן, און זאגן אז זי איז נישט שולדיג אויף דעם וואס זי איז נישט געקומען. האט ממוכן געזאגט, ויכתב בדתי פרס ומדי ולא יעבור, אשר לא תבוא ושתי אל המלך אחשורוש, מען זאל ארויסגעבן א גזירה, אז ווען מען איז א מורד פאר מלכות, קען דער באטרעפענדער נישט קומען זיך צו פארטיידיגן. ער האט מורד געווען אויף מלכות. און אזוי האט מען גע'הרג'ט ושתי. עס איז נישט געווען קיין משפט, עס איז יצא דבר מלכות מלפניו, און ושתי האט נישט געקענט קומען ממליץ זיין אויף זיך, און מען האט איר גע'הרג'עט.

**די** משפט וואס ממוכן האט דעמאלטס צוגעגרייט, דאס האט אים אריינגעפירט אין די אדמה אריין! שפעטער ווען אחשורוש האט זיך אויפגערעגט אויף המן, און ער האט געזאגט, אז המן האט געטון א זאך וואס מען דארף נישט, והמן נופל על המטה (אסתר ז-ח), האט ער נישט גע'דארפט האבן קיין משפט און שופטים, ווייל יצא דבר מלכות מלפניו. האט ער געהייסן מען זאל נעמען דעם המן, און מען זאל אים הענגען אויפן בוים! ער דארף נישט קיין משפט, און המן קען נישט קומען אפילו זיך

פארטיידיגן, אשר לא תבוא ושתי אל המלך, מען קען נישט קומען זיך פארטיידיגן.

**זאגט** דער פסוק, ויאמר ממוכן, דאס וואס ער האט יעצט געזאגט, אז יצא דבר המלכות מלפניו, אשר לא תבוא ושתי אל המלך. 'ממוכן', דא האט ער זיך שוין צוגעגרייט צו זיין מוכן לפורענות. שפעטער איז עס נישט נוגע, ער הייסט המן, ער הייסט נישט ממוכן. די מעשה וואס דו האסט יעצט געטון, דאס איז ממוכן לפורענות, דאס האסטו צוגעגרייט פאר דיין פורענות.

*

**און** פון דעם דארף מיר אונז זיך אראפלערנען די חסדי ה', אז אפילו ווען עס איז א זמן פון א הסתר פנים, איז דער אייבערשטער דארט צוזאמען מיט אונז. בשעת עס איז געווען נהנו מסעודה של אותו רשע, האט דער אייבערשטער שוין צוגעגרייט די ישועה, אז ממוכן זאל זאגן, יצא דבר מלכות מלפניו, און אשר לא תבא ושתי אל המלך, און דאס וועט זיין ממוכן צו די מפלה פון המן, אז צו המן וועט מען אויך אזוי טון. ווען עס וועט קומען דער זמן ווען המן וועט מורד זיין אינעם מלכות, וועט מען אים קענען גראד הרג'ענען. - עס איז א געוואלדיגער חידוש, וואס לערנט אונז, אז אפילו ווען עס איז א זמן פון א הסתר פנים, איז דער אייבערשטער אויך דארט.

**יעדער** קען עס נוצן ביי זיך אין שטוב. **יעדער האט זמנים וואס ער פילט, אז עס איז דא הסתר פנים. עס גייט אים נישט אזוי ווי ער האט געוואלט. אמאל אין פרנסה, אמאל אין שידוכים מיט קינדער. אמאל אין שלום בית. וואס פאר א נקודה עס זאל זיין, ער שפירט אז עס איז א הסתר פנים. - עס איז נישט דא קיין הסתר פנים! דער אייבערשטער איז דארט, דער אייבערשטער פירט אלעס פארן מענטש, עס איז נישט דא קיין זאך וואס געשעהנט אן דעם וואס מען האט אויסגערופן אויבן, אין אדם נוקף אצבעו מלמטה, אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה** (חולין ז:), **עס איז דא א פלאן פונעם אייבערשטען. דו פארשטייסט נישט אין קיין פלענער פונעם רבונו של עולם, אבער עס איז דא א פלאן. דער אייבערשטער האט א פלאן אויף דיר, און אויף אלעס וואס גייט פאר ביי דיר אין שטוב. עס איז נישט דא קיין הסתר.**

**דער** אייבערשטער איז משגיח מן החלונות, ער קוקט פונעם פענסטער, און מציץ מן החרכים (שיר ב-ט), ער קוקט פון די שפאלטנס. אמאל איז דא וואס ער איז משגיח מן החלונות, ווען א מענטש שטייטביים פענסטער, זעהט יעדער איינער, דער מענטש שטייט ביים פענסטער, און ער קוקט ארויס, און ער זעהט אלעס וואס עס פאסירט. אמאל איז דא וואס מען זעהט אים נישט ביים פענסטער, ער איז מציץ מן החרכים, ער קוקט פון א שפאלט. ער זעהט, אבער אונז באמערק מיר נישט אז ער זעהט. דאס איז די בחינה פון א הסתר פנים. אז דער אייבערשטער איז מציץ מן החרכים, ער קוקט ארויס פון די חרכים צו יעדן יוד. עס איז נישט דא קיין טאג וואס גייט אדורך אויף א מענטש, וואס ער איז נישט אונטער די אויפזיכט פונעם אייבערשטען. דער באשעפער זעהט אלעס צו, און אלעס איז מיט א חשבון פונעם רבונו של עולם. אונז זעה מיר נישט דעם אייבערשטען, אבער ער איז א מציץ מן החרכים, ער קוקט פון די שפאלטנס.

**און** דאס האט דער אייבערשטער געוויזן פאר אונז אין די צייטן פון מרדכי און אסתר. אפילו ווען עס איז געווען א זמן, וואס יודען האבן נהנה געווען מסעודתו של אותו רשע, און עס וואלט געדארפט צו זיין א הסתר פנים פונעם אייבערשטען. אין די זעלבע רגע האט דער אייבערשטער צוגעגרייט, אז מען זאל הרג'נען ושתי. עס זאל קומען א זמן וואס מען זאל אויסרופן יצא דבר מלכות לפניו, און לא תבוא ושתי אל המלך, כדי צוצוגרייטן די מפלה פון המן וואס וועט זיין שפעטער.

**אסתר** ווערט נישט אנגערופן אויפן הסתר פנים וואס איז געווען די צוויי וואכן פונעם הסתר פנים. אסתר ווערט אנגערופן 'אסתר', ווייל דאס איז די אותיות פון 'א סתר'. א' איז אלופו של עולם, און 'סתר' איז א זמן פון הסתר פנים. אפילו ווען עס איז א זמן פון הסתר פנים, א', איז דער אייבערשטער דארט! אונז זאל מיר זיך קיינמאל נישט פארלירן! ווען מען זעהט א זמן פון א הסתר פנים, איז עס נאר ווייל אונז זעה מיר נישט דעם אייבערשטען. ער איז מציץ מן החרכים, דער אייבערשטער קוקט פון די שפאלטנס, און אונז זעה מיר אים נישט, אבער עס איז דא אן השגחה פרטית. איך בין דארט, איך נעם קע"ר פון דיר, און טוה פאר דיר אלעס, און איך

פארשטיי אז דאס איז דיין טובה, דו זאלסט יעצט אדורכגיין דעם זמן.

**זאגט** דער אייבערשטער, 'ואנכי', איך רבונו של עולם, 'הסתר', אינעם הסתר, 'אסתיר פני', באהאלט איך מיין פנים, איך בין דארט. דו זעהסט נאר נישט מיין פנים, איך בין א מציץ מן החרכים. הסתר פנים מיינט נישט, אז דער אייבערשטער געפונט זיך נישט צווישן אונז. עס איז נישט דא אזא זאך אז דער אייבערשטער געפינט זיך נישט צווישן אונז! דער אייבערשטער איז שטענדיג ביי יעדן יוד! לית אתר פנוי מיניה, עס איז נישט דא א ווינקל וואס איז ליידיג פונעם אייבערשטען. דער רבונו של עולם זעהט אלעס וואס עס טוט זיך ביי א מענטש, אלעס איז אונטער א פארגרעסערונג גלאז, אלעס איז אפען. דער רבונו של עולם זעהט אלעס וואס טוט זיך ביי דיר, אלעס איז מיט א חשבון פונעם אייבערשטען. האב נאר שכל צו פארשטיין, אז דאס איז מיט א חשבון פונעם רבונו של עולם.

**אסתר** האט דאך געברענגט א גאולה, אסתר מן התורה מנין, וואו זעה איך אין די מעשה פון אסתר, אז אפילו עס איז דא א הסתר פנים, איז דער אייבערשטער דארטן צוזאמען מיט אונז. דער אייבערשטער האט אונז אזוי צוגעזאגט, 'ואנכי', איך, 'הסתר אסתיר פני', אינעם הסתר וועל איך זיך באהאלטן. דו וועסט מיך נישט זעהן, אבער איך וועל זיין דארט.

**דאס** איז די חשיבות פונעם זמן וואס יודען האבן געהאט די נסים פון מרדכי ואסתר, זיך אראפצולערנען דערפון, קיינמאל נישט פארלוירן צו ווערן! קיינמאל נישט צובראכן ווערן! קיינמאל נישט זאגן אז עס איז א הסתר פנים; מען האט פארגעסן פון מיר; מען זעהט מיך נישט; דער אייבערשטער קוקט זיך נישט אום אויף מיר. אלעס איז אונטער די קעמער"ע פונעם אייבערשטען! אלעס איז אונטערן רבונו של עולם. דער אייבערשטער זעהט אלעס, ער ווייסט פארוואס ער האט עס געשיקט, ער ווייסט אז דאס איז דיין טובה, און ער ווייסט אז דו דארפסט עס אדורכגיין, און דארט איז דער רבונו של עולם אליין!

**אסתר** מן התורה מנין, פון וואו ווייס איך די נקודה וואס אונז זעה מיר ביי אסתר, אז בשנת שלש למלכו זאל מען שוין צוגרייטן א זאך וואס וועט זיין צען יאר שפעטער. דאס זעהן מיר פון אסתר. א מענטש קען אדורכגיין פארשידענע זאכן, ער זעהט נישט תיכף וואס דער תכלית דערפון איז. ער איז בלינד, ער קען נישט וויסן. יארן שפעטער, שטעלט זיך ארויס, אוי רבונו של עולם, אודך ה' כי אנפתה בי (ישעיה יב-א), וואויל איז געווען די צייט וואס דו האסט זיך געבייזערט אויף מיר (עיין נדה לא.). איך האב עס נישט פארשטאנען, איך האב געמיינט אז דאס איז א זמן פון א הסתר פנים. עס איז נישט קיין זמן פון א הסתר פנים, דאס איז א זמן וואס דער אייבערשטער האט דיר צוגעגרייט אויף דיינע יארן שפעטער. - דאס איז די איינציגע חיזוק וואס אונז קען מיר האבן שטענדיג! קיינער האט נישט קיין רוהיג לעבן אין זיין לעבן, יעדער מענטש גייט אדורך פארשידענע זמנים. אבער ווען ער לעבט מיט די אמונה, אז דער אייבערשטער איז דארט צוזאמען מיט דיר, אפילו אין א צייט פון א הסתר פנים, דאס גיט אונז דעם חיזוק, אונז זאל מיר קענען אנהאלטן ווייטער. דאס איז די חשיבות פון די טעג פון פורים, וואס דאס האט אונז ארויסגעברענגט דעם ואנכי הסתר אסתיר פני, אז אינעם הסתר, איז דא אסתיר פני. מיין פנים איז דארט, עס איז נאר באהאלטן! עס איז נישט אז עס איז דא א הסתר פנים פונעם רבונו של עולם.

**זאל** מען קענען לעבן מיט די נקודה, און קענען דאנקען דעם אייבערשטען. אלעס וואס אונז גיי מיר אדורך, איז אלעס בידו של הקב"ה. ווען א מענטש ווייסט, איך בין אונטער דעם צל פונעם אייבערשטען, דער אייבערשטער זעהט אלעס, דער אייבערשטער פירט מיר צו אלעס, מאתו לא תצא הרעות (איכה ג-לח), מוז דאך זיין אז דאס איז פאר מיר לטובה. זאל מען עס קענען מקבל זיין באהבה, קענען מקבל זיין מתוך שמחה, נישט ווערן צובראכן פון יעדע שווערע זמן וואס מען גייט אדורך. נאר דאס אננעמען, אז דער באשעפער האט א חשבון. אונז ווייס מיר נישט די חשבונות פונעם אייבערשטען, אבער עס איז מיט א חשבון. דעמאלטס וועלן מיר זיך קענען מחזק זיין, און דינען דעם אייבערשטען, ווי עס דארף צו זיין.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אונז זאל מיר קענען מיטנעמען פון דעם פורים דער חלק החיזוק, וויסן אז אסתר מן התורה מנין, 'ואנכי', איך בין דארטן ביי

דעם ׳הסתר אסתיר פני׳, אינעם הסתר פנים איז אויף דער רבונו של עולם. דעמאלטס וועט מען קענען לעבן און דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. זאלן מיר זוכה זיין אלע אי״ה, אז די טעג פון פורים זאל אויף אונז אראפלייגן די השראה, צו קענען לעבן מיט די נקודה, לית אתר פנוי מיניה, אלץ איז דער אייבערשטער צוזאמען מיט אונז. און דער באשעפער פירט אונז צו, נאר אויף דעם גוטס וואס וועט ארויסקומען פאר אונז שפעטער. ונזכה ונחיה ונראה, זאלן מיר קענען לעבן מיט די השגה, מיט די אמת׳דיגע אמונה וואס א יוד דארף צו לעבן. זאלן מיר זוכה זיין, אז עס זאל טאקע זיין נאר גוטס אין אלע אונזערע שטובער, און קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, במהרה בימינו אמן.

* * *

**איך** קען נישט געגוג באוואונדערן כלל ישראל. עס איז שפעט ביינאכט, נאך א שווערן טאג וואס יעדער האט געהאט דעם יום הפורים, און מען זיצט רוהיגערהייט, אינמיטן די נאכט, און מען פריידט זיך מיט דעם יום טוב פון פורים.

**איך** האב געוואלט זאגן א פאר ווערטער, און איך מיין, אז אויב מען וועט זיך מיטנעמען די נקודות הדברים אויף א גאנץ יאר, וועט מען געוואויר ווערן, אז פורים איז נישט נאר א שמחה אויף דעם היינטיגן טאג, די שמחה פון פורים דארף באגלייטן דעם מענטש אויף א גאנץ יאר שפעטער. די אמת׳דיגע רוהיגקייט, צו האבן א שמחת החיים, אין זיין טאג טעגליכן לעבן.

**עס** שטייט אין די מגילה (אסתר ט-כח) והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור, די טעג פון פורים ווערן דערמאנט אין יעדן דור. וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים, די טעג פון פורים וועלן נישט אדורכגיין פון יודען. ווי די מגילה איז מאריך, משפחה ומשפחה, מדינה ומדינה, ועיר ועיר. ביי יעדן אין זיין משפחה לעבן, ווערט נזכרים ונעשים דער ענין פון פורים, בכל דור ודור. וואס מיינט עס?

**עס** שטייט אין מדרש (ילקוט משלי תתקמד), אם כל המועדים יהיו בטלים, אויב אלע מועדים וועלן בטל ווערן, ימי הפורים לא נבטלים, אבער די טעג פון פורים וועט נישט נתבטל ווערן. אונז טראכט מיר, אז דאס מיינט צו זאגן, אז לעתיד לבוא, אפילו זאכן וועלן נשתנה ווערן, וואס אונז פארשטיי מיר נישט קלאר פונקטליך ווי אזוי עס וועט זיין לעתיד לבוא, עס איז מעגליך אז די מועדים וועלן זיין אין א געוויסע בחינה בטלים, אבער וימי הפורים לא נבטלים.

**איך** מיין אז מען רעדט נישט פון ימות המשיח, מען רעדט פון אונזער טאג טעגליכן לעבן, וואס כל המועדים יהיו בטלים, וימי הפורים לא נבטלים. מען זעהט אז אין פורים איז דא א געוואלדיגע שמחה ביי יעדן יוד, אזא שמחה וואס עס געפונט זיך נישט אין אלע ימים טובים. אלע ימים טובים זענען דאך הייליגע טעג, טעג וואס דער אייבערשטער האט קובע געווען מן התורה ימי משתה ושמחה, טעג וואס מען דארף זיין פרייליך. רבותי, יעדן יום טוב דארף א יוד זיין פרייליך זיבן טאג יום טוב! עס קומט אי״ה בקרוב פסח, מען דארף לעבן זיבן טאג מיט א שמחה. מען איז מחויב צו טרינקען ווייץ, מען איז מחויב זיך משמח צו זיין. די זיבן טאג פון יום טוב דארפן זיין שמחה׳דיגע טעג. מען זאגט אז אפילו ימי המועדים זענען בטלים, אבער ימי הפורים לא נבטלים. וואס איז די ימי הפורים אנדערש ווי די אנדערע טעג פון אלע ימים טובים? איך גיי עס מסביר זיין מיט קליין געלט, וואס זאל זיין נוגע פאר יעדן יוד ביי זיך אינדערהיים, וואס ער דארף ארויסנעמען פון דעם פורים.

**אלע** נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון, וואס מען האט קובע געווען אויף דעם די מועדים טובים, זענען נסים שלא כדרך הטבע, אלעס האט איבערגעדרייט די וועלט. יציאת מצרים וואס האט זיך אפגעשפילט אויף די וועלט, ווען עס זאל היינט שטיין אין די צייטונגען, וואלט מען געשריבן יעדן טאג א פרישע וואונדער! מען וואלט באשריבן, מצרים האט זיך איבערגעדרייט. דער טייך איז געווארן בלוט; עס דרייט זיך ארום צפרדעים אין די שטובער, און זיי גייען אריין אין די אויוונס; כינים פאלט אויף יעדן מענטש; עס דרייען זיך ארום חיות אין אלע שטובער. יעדן טאג וואלט געווען א פרישע סענזאציע פון די נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון. אבער עס איז נסים שלא כדרך הטבע. אין די ימי הפורים איז נישט דא קיין איין זאך וואס אויסענווענדיג אין קוק

פונעם מענטש זאל זיין שלא כדרך הטבע. אלעס איז געווען נארמאלע זאכן וואס האבן זיך געפירט, און מען קען עס זייער גרינג אריינלייגן אין די טבע, אז עס האט אפילו גארנישט פאסירט קיין נסים.

**דער** מלך אחשורוש האט געהאט א חשבון מיט ושתי, האט ער איר גע'הרג'ט. ער האט געהאט א חשבון מיט אסתר, האט ער איר צוליב געטון. עס שטייט דער משל דערויף (פתיחתא אסת"ר ט), אז עס איז דא א מענטש וואס הרג'ט אמאל א גוטן פריינד וועגן זיין ווייב, און אמאל איז דא וואס ער הרג'ט זיין ווייב וועגן זיין גוטן פריינד. אנהייב האט ער גע'הרג'ט ושתי וועגן זיין גוטן פריינד ממוכן. שפעטער האט ער גע'הרג'ט המן וועגן זיין ווייב אסתר. מען קען אלעס אריינלייגן אין טבע. אבער ווען א מענטש קוקט צוריק, וויפיל צענדליגער זאכן האבן זיך אפגעטון פון דעם בשנת שלש למלכו, ביז צען יאר שפעטער וואס עס איז ארויסגעקומען די ישועה פאר יודען, וועט ער זעהן אז עס האט זיך אפגעפירט איין זאך נאכן צווייטן, מאורעות בדרך הטבע וואס דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט עס זאל קענען ארויסקומען די ישועה פאר יודען, אן קיין נסים. ער האט גע'הרג'ט ושתי בדרך הטבע, זי האט מורד געווען במלכות, האט ער איר גע'הרג'ט. קיינעם וואלט נישט איינגעפאלן אז הריגת ושתי בשנת שלש למלכו, האט עפעס צו טון מיט דעם וואס בשנים עשרה שנה למלכו, וועלן יודען דארפן האבן א ישועה דורך אסתר. מען זיצט ביי די סעודה, און ממוכן זאגט, לא על המלך לבדו עותה ושתי המלכה, כי על כל השרים, מען דארף איר הרג'נען. בשנת שלש למלכו, האט מען געמאכט דעם ערשטן פתח פון די ישועה, קודם איז ושתי ארויס פון שטוב, און געמאכט פלאץ אז אסתר זאל קענען אריינקומען אין שטוב.

**דער** חכם אחשורוש שיקט שפעטער ארויס בריוון, און ער זאגט, להיות כל איש שורר בביתו, און יעדער איינער זאל רעדן כלשון עמו. דאס איז שוין א חז"ל, די גמרא (מגילה יב:) זאגט, אז מען האט אים אנגעקוקט ווי א משוגענער! פרעזידענט ביידן לאורך ימים ושנים, שיקט ארויס א מעסידזש, רבותי, יעדער זאל זיין דער בעל הבית ביי זיך אינדערהיים, און די ווייב זאל רעדן אזוי ווי ער רעדט. זאגט די גמרא, ווען נישט עס קומען ארויס די ספרים הראשונים, איז ווען עס וואלט ארויסגעקומען די ספרים אחרונים אז מען זאל הרג'נען יודען, וואלט זיך תיכף אנגעהויבן הריגות ביי יודען. מען האט אבער געזעהן אז מען קען זיך נישט פארלאזן אויף די בריוון פון דעם אחשורוש, ער איז דאך נישט קיין נארמאלער מענטש, ער שיקט ארויס בריוון להיות כל איש שורר בביתו, אויף דעם דארפסטו שיקן בריוון אין די גאנצע וועלט עס זאל אזוי זיין? איז דאך דער טייטש, אז מען האט דא צו טון מיט א אומסטאבילן פרעזידענט... נו קען מען זיך נישט פארלאזן אויף די צווייטע בריוון וואס ער שרייבט, אז דאס איז נארמאל. אפשר איז דאס אויך נישט נארמאל, להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים, עס איז דאך נישט קיין נארמאלע זאך. - דאס איז געווען בשנת שלש למלכו, האט דער אייבערשטער צוגעשיקט אין דרך הטבע, שיק ארויס אזעלכע בריוון וואס זאלן דיך מאכן צו נאר פאר די גאנצע וועלט, אז ווען דו וועסט שיקן די איבריגע בריוון בשנת שתים עשרה למלכותו, זאל אים די וועלט אנקוקן, אז אונז האב מיר צו טון מיט א נישט נארמאלן פרעזידענט, און ממילא זאל מען זיך נישט רעכענען מיט די בריוון. אזוי שטייט אין די גמרא.

**אחשורוש** האט געזאגט אז יעדער זאל רעדן כלשון עמו. דאס איז טייטש, אז א יעדע פרוי ביי זיך אינדערהיים, וואס פאר א שפראך זי האט גערעדט, דארף זי אויפהערן צו רעדן די שפראך, און רעדן אזוי ווי די שפראך פון איר מאן. אז אסתר איז אריינגעקומען אין שטוב, האט זי מער נישט געקענט רעדן קיין לשון קודש, זי האט געמוזט רעדן פארסיש, כלשון עמו. האט ער צוגעגרייט דעם ענין, אז לא הגידה אסתר את עמה ואת מולדתה, זי האט זיך קיינמאל נישט געקענט פאררעדן, און רעדן א יודישע שפראך אין שטוב, ווייל מען טאר דאך נישט רעדן, עס דארף דאך זיין כלשון עמו. האט ער אויסגעטרעטן דעם וועג, אז לא הגידה אסתר את עמה ואת מולדתה, זי קען נישט פארציילן. - און דער פלאן פונעם אייבערשטען, האט זיך אנגעהויבן בשנת שלש למלכו, צען יאר פריער פון די גזירה, האט דער אייבערשטער אונז צוגעגרייט, אז מען דארף הרג'נען ושתי, און אריינברענגען אסתר אין שטוב פון אחשורוש. און מען זאל נישט געוואר ווערן אז אסתר איז א יוד, עס זאל זיין מדבר כלשון עמו.

**אלעס** האט זיך אנגעהויבן מיט א דרך הטבע. פונקט האט מרדכי געהערט וואס בגתן ותרש האבן גערעדט, און פונקט האט ער איבערגעגעבן פארן מלך, און יארן שפעטער האט מען אפירגענומען דעם ספר הזכרונות און אזוי ווייטער. ווען מען גייט אדורך די גאנצע מגילה, טרעפט מען נישט קיין שום זאך וואס איז געווען עפעס א זאך, וואס איז חוץ לדרך הטבע. דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט די ישועה פאר יודען אין דרך הטבע. אזוי ווייט, אז עס שטייט אין די מפרשים, אז מען זעהט אין סוף פון די מגילה, אז מרדכי האט געדארפט שרייבן בריוועו לקיים את ימי הפורים האלה, מען האט נישט געהאלטן אז עס איז נסים, מען האט געהאלטן אז עס איז געווען דא נארמאלע זאכן, און עס איז נישט דא קיין סיבה מען זאל מקיים זיין די ימי הפורים. מרדכי האט אונז אבער אויסגעלערנט, און ער האט אונז געזאגט, אונז זאל מיר ויסן, עס איז נישט דא קיין דרך הטבע אין דער וועלט! אלעס וואס עס גייט אדורך אין נארמאלע אומשטענדן אין די וועלט, איז געשטעלט אויף א פלאן פונעם אייבערשטען! דער באשעפער האט געוואוסט אז יודען וועלן האבן שפעטער א גזירה פון המן, און מען דארף זוכן א וועג דאס מבטל צו זיין. האט ער אונטערגעבעט פון שנת שלש למלכו, אריינגעברענגט אסתר אינעם שטוב, ער זאל גוזר זיין ומדבר כלשון עמו, מרדכי זאל פונקט הערן ווי בגתן ותרש רעדן, און עס איבערגעבן פאר אחשורוש, אחשורוש זאל יארן שפעטער נישט קענען שלאפן, און ער דארף האבן א ספר הזכרונות, אלעס נארמאלע זאכן, אבער אלעס האט זיך געפירט אין דרך הטבע. - וועגן דעם איז דער נס פון פורים אנדערש פון אלע אנדערע נסים (עיין בספר **שיר מעון** פ' עקב).

**עס** שטייט אין די גמרא (מגילה יט.), אז עס איז דא א מחלוקת אין חז"ל וואו מען דארף אנהייבן צו ליינען די מגילה. מגילה ליינט מען דאך וועגן די תוקף הנס, וואו הייבט זיך אן דער נס? איז דא דיעות אז מען דארף אנהייבן צו ליינען פון אחרי הדברים האלה, פון ווען עס הייבט זיך אן די מעשה מיט המן. צו פון בלילה ההוא נדדה שנת המלך. איין דיעה, און אונז פסק'נען אזוי, אז מען דארף אנהייבן די מגילה פון אנהייב. פארוואס פון אנהייב? אין די גמרא שטייט, אז דער טעם איז וועגן תוקפו של אחשורוש, צו ווייזן די גרויסקייט וואס אחשורוש האט געהאט. ער האט געמאכט אזא גרויסע מאלצייט, און סוף כל סוף האט אים דער אייבערשטער באזיגט. דער פשט דערפון איז, ווייל אונז דארף מיר גלייבן, אז פון אנהייב פון די מגילה, ניין יאר פאר עס האט פאסירט די ישועה פאר יודען, האט דער אייבערשטער אנגעגרייט די ישועה פאר יודען!

**אונז** האלט מיר תשפ"ב. אונז ווייס מיר, וואס עס טוט זיך אפ אין די וועלט יעצט. אונז ווייס מיר נישט וואס די חשבונות פונעם אייבערשטען זענען, פארוואס עס דארף אזוי צו זיין, ווער עס וועט געווינען, ווער עס וועט זיגן, עס איז אונז נישט קיין גרויסע נפקא מינה, ווייל אלעביידע זענען ווערד זייער געלט, אלע זייערע לענדער זענען אדורכגעווייקט פון יודיש בלוט, ואין להאריך בזה. אבער דער רבונו של עולם האט זיינע חשבונות, מען קען נישט וויסן, אין צען יאר ארום, דער אייבערשטער זאל געבן אז משיח וועט קומען, וועט מען געוואויר ווערן, וואס עס האט זיך אלץ אפגעטון וועגן דעם וואס עס האט זיך היינט אפגעשפילט, וואס עס איז געווארן שפעטער.

**על** כל פנים ווען מען רעדט פון מגילת אחשורוש, זאגט רבי מאיר, און אזוי פסק'נט מען להלכה, אז מען קען נישט אנהייבן צו פארציילן פון בלילה ההוא נדדה שנת המלך, ער קען נישט שלאפן, און מען דארף הרג'נען המן. דאס האט זיך נישט יעצט אנגעהויבן אין שנת שתים עשרה למלכות אחשורוש. הייב אן פון אנהייב, הייב אן פון בשנת שלש למלכו, דעמאלטס האט שוין דער אייבערשטער צוגעגרייט די ישועה פאר יודען, וואס עס וועט זיין שפעטער.

**דאס** אז מען האט גע'הרג'ט ושתי, און אסתר איז אריינגעקומען אין שטוב, און אזוי אלעס וואס איז אויסגערעכענט אין די מגילה, אלעס איז געווען אן הכנה אויף די ישועה פון יודען. - און אויף דעם האבן די חכמים קובע געווען דער יום טוב פון פורים. יום טוב פון פורים איז געמאכט געווארן, אז א מענטש זאל מיטלעבן מיטן נס פון פורים. נישט קיין מופתים שלא כדרך הטבע, נאר אין דרך הטבע זאל מיר אונז וויסן און גלייבן, אז וואס עס טוט זיך אפ היינט, איז אלעס מיט א חשבון פון אויבן, אינעם דרך הטבע איז דא דער רבונו של עולם וואס פירט אלעס.

**דער** רבונו של עולם איז המגיד מראשית אחרית (ישעיה מו-י), אונז ווייס מיר נישט וואס עס וועט זיין אחרית, ממילא קען מען זיך נישט צוגרייטן אויף קיין אחרית. אבער דער רבונו של עולם קען דאך דעם אחרית, ער מאכט שוין די פלענער מיט א יאר פריער, אויף וואס עס וועט זיין שפעטער. דער אייבערשטער איז המגיד מראשית, בשנת שלש למלכו, האט ער שוין צוגעגרייט א פלאן אויפן אחרית.

**און** והימים האלה, די טעג, נזכרים ונעשים בכל דור ודור, דער חלק, גלייבן אז אלעס וואס עס גייט אדורך אויף א מענטש - אין דרך הטבע - איז אלעס מיט א השגחה פרטית פונעם אייבערשטען, דאס איז נזכרים ונעשים בכל דור ודור, דאס גייט אן אין יעדן דור. נישט נאר אין כלליות, נאר בכל משפחה ומשפחה, **יעדער ביי זיך אינדערהיים, דארף גלייבן מיט א אמונה שלימה, אן קיין שום זייטיגע זאכן, אז וואס דער באשעפער האט דיר צוגעפירט אין דיין שטוב, דעם שידוך וואס דו האסט געמאכט, די קינדער וואס דו ביסט מגדל, די פרנסה וואס דו דארפסט האבן, וכו' וכו' וכו', אלעס וואס גייט אדורך אין דיין שטוב, נישט עס האט זיך 'פונקט' אזוי געמאכט, און דו דארפסט פארשטיין די פלענער פארוואס עס האט געדארפט אזוי צו זיין. נאר גלייב מיט א השגחה פרטית, אז דער אייבערשטער פירט די וועלט. ער פירט דרך הטבע, ער פירט, און אלעס וואס דארף צו זיין, איז אין זיין האנט! אז דער אייבערשטער האט דיר אזוי אויסגעשטעלט דיין לעבן, דארפסטו וויסן, עס מקבל צו זיין באהבה! נעם אן, דאס איז דיין וועג וואס דער באשעפער האט דיר צוגעשטעלט! אפילו דו פארשטייסט עס נישט היינט.** בשנת שלש למלכו, האט מען אויך נישט פארשטאנען וואס עס טוט זיך אפ, כדי עס זאל זיין שפעטער.

**א** יוד דארף גלייבן, אז דער אייבערשטער פירט אים, אויף אלעס איז דא השגחה פרטיות, עס איז נישט דא קיין זאך וואס געשעהט פון זיך אליין, דו ביסט יעדן טאג אונטער דעם מייקרעסקא"פ פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער טוט דיר צושיקן אלעס וואס דו דארפסט האבן. אז דו וועסט נישט זעהן היינט די תועלת, וועסטו זעהן די תועלת אין יארן ארום.

**נער** הייתי גם זקנתי, איך האב א ווייסע בארד, נישט נאר איך, נאר אסאך יודען דא האבן ווייסע בערד. וויפיל זאכן איז דא אינעם לעבן, וואס מען האט נישט פארשטאנען מיט יארן פריער, פארוואס עס האט זיך אזוי אויסגעשטעלט, און יארן שפעטער פארשטייט מען. מען זעהט ווי אזוי דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט, וואס עס איז ארויסגעקומען דערפון, פארשטייט מען, און מען זעהט דעם חסד ה' וואס דער אייבערשטער האט געטון. און מיט דעם דארף א יוד לעבן שטענדיג. והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור, אין יעדן דור זאל מען מיטנעמען, וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים, די ימי הפורים וואס איז געבויט געווארן פשוט צו קוקן היסטאריע, קוקן ווי אזוי דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט זאכן מיט יארן פריער, וואס עס וועט זיין נוגע פאר שפעטער. דאס איז וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים. דאס איז אונזער שמחה אין פורים, אונז פריי מיר זיך אז דער באשעפער האט אונז געגעבן א וועג אויפצוקלערן פאר אונז, צו וויסן אז אלעס איז מיט א חשבון פון אויבן! אפילו דו פארשטייסט עס נישט היינט, ימים ידברו, עס וועט קומען טעג וואס דו וועסט עס פארשטיין. מען מוז נישט אלעס פארשטיין יעצט, אבער דער אייבערשטער פירט זיין וועלט, און ער ווייסט וואס ער האט צו טון.

**הקורא** את המגילה למפרע לא יצא (מגילה יז.), אז מען לייענט די מגילה צוריקצוועגס האט מען נישט יוצא געווען. **נארמאלע מענטשן קוקן אן די יארן פונעם לעבן, בשעת עס איז זיי אדורכגעגאנגען מיט יארן צוריק, ער האט געטון דעם שידוך, זיין זון איז נתגדל געווארן אין די און די ישיבה, אין די און די חברותא, און ער פארשטייט נאך נישט קלאר פארוואס האט דער אייבערשטער מזמין געווען עס זאל זיין אזוי. ער טראכט אז אפשר ווען ער וואלט געטון אן אנדערער שידוך, ער וואלט געווען אין א אנדערע ישיבה, וואלט מיין קינד אנדערש געווען, דעמאלטס וואלט איך געטון אזא און אזא שידוך. רבות מחשבות בלב איש, עטץ טראכטס מער ווי איך טראכט, און מען דארף עס נישט ארויסברענגען. עס גייט אבער אדורך יארן, און מען זעהט אז עס איז געווען מיט א פלאן פונעם רבונו של עולם. יא, דו דארפסט האבן דעם שידוך. דיין זון דארף דארט נתגדל ווערן. דו דארפסט האבן די פרנסה. און דו**

**דארפסט וואוינען אין די שטאט וואו דו וואוינסט. אלעס איז מיט א חשבון פונעם רבונו של עולם! דער אייבערשטער זעהט אויף יארן שפעטער, וואס ער דארף אויפשטעלן פון פריער.**

**ווען** אונז ליין מיר די מגילה צו פארשטיין דעם נס פון די מגילה, ליין מיר אונז למפרע. אונז הייב מיר אן אז מרדכי ואסתר האבן געבערענגט א גאולה פאר יודען, און ווי אזוי איז צוגעקומען די גאולה פאר יודען? בלילה ההוא נדדה שנת המלך. פארוואס איז געווען בלילה ההוא נדדה שנת המלך? ווייל עס איז געווען בגתן ותרש פון פריער. און וואס האט צוגעבערענגט אסתר אינעם שטוב? ווייל מען האט גע'הרג'ט ושתי. אונז קען מיר דאך נישט זיין המגיד מראשית אחרית, אונז הייב מיר אייביג אן פונעם אחרית, און אונז גיי מיר צוריק צו דעם ראשית.

**אבער** נאכדעם וואס מען ליינט די מגילה, דארף א יוד צוקומען צו די מדריגה, נישט ער זאל זיין הקורא את המגילה למפרע, ליין נישט דיין היסטאריע פון דיין לעבן צוריק צו וועגס. נאר **גלייב יעצט, בשעת דו ביסט אין די מצב וואס דו ביסט, אית דין ואית דיין, עס איז דא א חשבון פון אויבן. דו פארשטייסט נישט, ימים ידברו, און דו וועסט פארשטיין. און אז דו וועסט נישט פארשטיין, איז אויך גוט. מען מוז נישט אלעס פארשטיין**. מיר פארלאזן זיך אויפן אייבערשטען.

**הקורא** את המגילה למפרע, אויב ווען ער ליינט די מגילה, און ער הייבט אן צוריק צו קוקן ווי אזוי דער אייבערשטער האט אלעס מזמין געווען בדרך הטבע וואס עס זאל צוקומען, אבער ער קוקט עס למפרע, ער הייבט אן צוריק צו וועגס. פון די ישועה גייט ער אויף צוריק, לא יצא, ביסטו נאך נישט צוגעקומען צו דעם וואס דער פורים דארף דיך צו ברענגען. דער פורים דארף דיך צוברענגען נישט צו זיין א קורא למפרע, **ווארט נישט ביז צען יאר ארום, און דעמאלטס זאלסטו פארשטיין וואס איז יעצט. גלייב יעצט, נעם עס אויף גרינגערהייט, ערגער דיך נישט אויף יעדע זאך וואס דער אייבערשטער האט דיר צוגעפירט. עס איז דא א בעל הבית אויף די וועלט, און עס איז דא א בעל הבית אויף דיר, ער איז א מציץ מן החרכים, ער קוקט אלעס, אפילו אין א הסתר פנים קוקט ער אויף דיר, ער שטעלט דיר אויס דיין לעבן. - ווען א מענטש לעבט מיט דעם, לעבט ער מיט א שמחה.**

**אלע** ימים טובים זענען מעורר מעין פון דעם יום טוב, ווען עס קומט אן די צייט. ווען עס ווערט נתעורר דער יום טוב פון נסים שלא כדרך הטבע, פיל מיר אונז, אז אונז האב מיר נישט קיין גרויס שייכות דערצו. דער אייבערשטער וועט מאכן יציאת מצרים? ער וועט אונז מאכן יעצט נסים שלא כדרך הטבע? עס איז נאר מעין, עס ווערט נתעורר עפעס פון די נסים וואס איז געווען דעמאלטס. עס קען זיין, אז א מענטש שפירט זיך אמאל, עס קומט דער יום טוב פון פסח, עס ווערט ביי אים בטל דער התעוררות וואס דער יום טוב דארף ברענגען. וואס? דער אייבערשטער וועט היינט טון יציאת מצרים פאר אונז? דער באשעפער וועט ברענגען יעצט נסים שלא כדרך הטבע? אוודאי וועט דער אייבערשטער ברענגען, ביי יעדן יוד איז דא ענינים וואס ווערט נתעורר יציאת מצרים, אבער ער דערפילט עס נישט. עס קען זיין אז די מועדים זענען בטלים. אבער וימי הפורים לא נבטלים, די ימי הפורים וואס אונז דארף מיר נישט מעורר זיין נסים שלא כדרך הטבע, נאר נסים אין דרך הטבע, א נארמאלער מענטש, נארמאלע ערשיינונגען וואס גייט אן ביי דיר אין שטוב טאג טעגליך, דאס זאלסטו גלייבן מיט אן אמונה שלימה, אז עס איז מיט א חשבון פון אויבן פון הימל! דאס איז לא נבטלים, דאס וועט נישט בטל ווערן.

**וועגן** דעם איז אין יום טוב פורים קומט אראפ א שמחה אויפן כלל ישראל, מען זעהט נישט אז אין די ימים טובים זאל זיין א גרעסערע חיוב פון שמחה ווי דער פורים. פארוואס אין פורים איז דא א גרעסערע זמן פון שמחה פאר כלל ישראל? ווייל פורים לעב מיר אונז מיט, מיט די שמחה. אלע ימים טובים ווערט נתעורר - ווען עס קומט דער זמן - נסים שלא כדרך הטבע, און עס דאכט זיך פאר א מענטש, אז נסים שלא כדרך הטבע איז שוין היינט נישט דא, זיין שייכות צו דעם יום טוב איז א שוואכער. אבער ימי הפורים האלה, די פורים טעג, דאס איז א יום טוב וואס אין דרך הטבע האט דער אייבערשטער אונז אריינגעגעבן, דאס איז לא יעברו מתוך היהודים, דאס גייט נישט אדורך פון יודען. אונז לעב מיר מיט, ווען עס קומט דער יום טוב פון פורים, און אונז זעה מיר צו די נסים ווי אזוי דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט. צען יאר צוריק האט מען נישט געוואוסט וואס עס גייט פאסירן, און עס איז געווען

אלעס לטובה אויף יארן שפעטער, דאס איז לא נבטלים, דער התעוררות איז דא ביי אונז אויך. אונז דארף מיר לעבן מיט דעם, **נישט ווערן צובראכן פון יעדע מאורע וואס פאסירט אין שטוב. נישט ווערן צוקלאפט, ווען עס האט זיך נישט אויסגעשטעלט אזוי ווי איך האב געוואלט. עס וועט אדורכגיין יארן, וועסטו געוואויר ווערן, דו וועסט זעהן מיט די אייגענע אויגן ווי אלעס איז געווען מיט א חשבון מן השמים.** וימי הפורים לא נבטלים, דאס ווערט נישט בטל.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אונז זאל מיר מיטנעמען די שמחה פון פורים אויף א גאנץ יאר. דאס מיינט צו זאגן, די נקודה פון פורים, ארויסצולערנען אז אין די טבע אליין איז נישט דא קיין הסתר פנים, עס איז עמו אנכי, דער אייבערשטער איז דארט צוזאמען מיט אים. ער איז מציץ מן החרכים, פון ווען דו ביסט געקומען אויף די וועלט, ביסטו אונטער א בל"א פרינ"ט פונעם אייבערשטען, וואס האט דיר שוין אויסגעשטעלט דיין וועג אויף הונדערט און צוואנציג יאר. וואו דו דארפסט צו זיין, וואו דו דארפסט אנקומען, וואס 'דו' דארפסט זיין, וואס דיינע קינדער דארפן זיין, אלעס איז שוין אויסגערעכענט אויבן, און דער אייבערשטער פירט עס אויף דעם וועג.

**אונז** האב מיר נאר צו טון איין זאך. מקבל צו זיין אלעס באהבה! דאס איז דיין גורל, דאס האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט, עס איז מיט א חשבון פונעם אייבערשטען. יעצט זעהסטו נאך נישט דעם תכלית, יבא יום, עס וועט קומען א טאג, וואס דו וועסט עס זעהן. בשעת עס איז געווען די מעשה פון אחשורוש, האט מען אויך נישט פארשטאנען, פארוואס ער האט גע'הרג'ט ושתי? וואס איז געווען צוגעגרייט אויף א ישועה שפעטער.

**נאך** איין קליינע נקודה. פארוואס איז ושתי נישט אריינגעקומען צו די משתה? שטייט אין די גמרא (מגילה יב:), גבריאל האט איר געמאכט א זנב. ווער וועט אריינקומען מיט א זנב צוזאמען אין פאבליק? די ווייב פונעם מלך, מיט א זנב?! ווען מען וואלט געוואוסט וואס עס איז דער אמת, וואלט מען נישט געהאט קיין טענות אויף איר, פארוואס זי איז נישט אריינגעקומען. איין ווארט מען גיט איר א געלעגענהייט צו זאגן פארן מלך, צו עס פארציילן פאר די שרים. איך האב א פראבלעם, עס האט זיך מיר געמאכט א מחלה, איך האב א זנב, איך קען נישט אריינקומען, וואלט יעדער פארשטאנען, און מען וואלט איר נישט גע'הרג'ט. יעדער וואלט פארשטאנען אז עס איז גארנישט קיין כבוד פארן מלך אז זי זאל אריינקומען.

**אבער** אז עס איז געווען באשערט פון הימל, און מען האט געוואלט מסלק זיין ושתי, אז אסתר זאל אריינקומען, האט מען צוגענומען דעם שכל פון ושתי, זי האט נישט פארציילט פאר קיינעם וואס עס האט פאסירט, און מען האט איר גע'הרג'ט, און שפעטער איז מען געוואר געווארן, ווען מען האט איר גע'הרג'ט האט מען געזעהן, אז זי האט א זנב. ווען מען וואלט געוואוסט פריער, וואלט מען איר נישט דן געווען למיתה. דער רבונו של עולם האט זיינע חשבונות, אונז פיר מיר נישט די וועלט, דער רבונו של עולם פירט די וועלט.

**א** דאנק דיר רבונו של עולם, ווי אזוי דו פירסט די וועלט! אונז דאנק מיר דעם אייבערשטען. רבונו של עולם דו ווייסט אלעס וואס דו טוסט, אונזער שכל קען דיך נישט משיג זיין. און נישט נאר אונז קען מיר דיך נישט משיג זיין, נאר אונז וויל מיר אפילו נישט משיג זיין, אונז וויל מיר זיך נאר אונטערווארפן אונטערן רצון פונעם אייבערשטען. - און דאס דארף מען מיטנעמען פון די ימי הפורים, אין טבע אליין איז דא אן השגחה פונעם אייבערשטען. וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים, עס זאל נישט אוועקגיין פון אונז די אמונה שלימה וואס אונז דארף מיר האבן, אז דער רבונו של עולם פירט די וועלט, און עס נעמט נישט לאנג, רבותי עס נעמט נישט לאנג, אט אט שטייען מיר פאר די גאולה!

**עס** איז נישט מעגליך אז די וועלט זאל קענען אנהאלטן אויף דעם סיסטעם ווי אזוי אונז זעמיר יעצט, אז מען זאל קענען בלייבן ערליכע יודישע דורות, אונזערע קינדער, אונזערע אייניקלעך. עס איז געווארן אן אפענע וועלט, א פרייע וועלט, א געזינקענע וועלט, עס איז כמעט נישט מעגליך אז מען זאל זיך קענען ארויסדרייען דערפון. עס איז זיכער אז אונז שטיי מיר אין די לעצטע מינוטן פאר ביאת המשיח. די מלחמה זאל אנהאלטן אי"ה, עס זאל זיך קעפען ביז איבערן קאפ, זיי זאלן זיך הרג'נען

איינער דעם אנדערן, און דאס זאל צוברענגען צו וואס אונז האף מיר, אז ווען עס וועט אנקומען די צייט, אם ראית מלכיות מתגרות זו בזה, צפה לרגלי משיח (ב"ר מב-ד). עס איז אונזער ארבעט, אונז דארף מיר זיין צפה לרגלי המשיח. אונז דארף מיר נישט זאגן קיין מיינונגען, דער רבונו של עולם ווייסט וואס ער טוט, ווילאנג זיי הרג'נען זיך, זאלן זיי זיך הרג'נען. איין גוי זאל הרג'נען דעם צווייטן, איין אומה זאל אונטערברענגען די צווייטע אומה. עס גייט זיך אויסשפילן עפעס וואס אונז גלייב מיר, וואס אונז האב מיר מקבל געווען פון אונזערע נביאים, אז אזוי וועט זיין פאר ביאת המשיח. עס וועט זיין א מלחמה פון גוג ומגוג, און דאס וועט צוברענגען צו ביאת המשיח. ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, אונזערע אויגן זאלן זוכה זיין צו זעהן. אונז גלייב מיר, אחכה לו, אחכה לו....

*

♦ בסיום הטיש אמר **רבינו שליט"א**: איך גיי שוין נישט זאגן קיין תורה, אבער איך וויל נאר אנווינטשן, פאר אלע באטייליגטע, און פאר גאנץ כלל ישראל. דעם הייליגער יום טוב פון פורים, יודען האבן זיך משמח געווען. יעדער יוד האט ארויסגעגעבן זיינע הרגשות פארן רבונו של עולם, געדאנקט דעם אייבערשטען אויף די אלע נסים ונפלאות שעשית לאבותינו בימים ההם בזמן הזה. נישט נאר זאכן וואס איז געווען אמאל, נאר אויך די נסים פון דרך הטבע, דאס ווערט נתחדש ביי אונז שטענדיג בזמן הזה. דער אייבערשטער איז משדד טבעיות העולם וואס קיינער באמערקט נישט.

**מען** האט פריער גערעדט, אז די גאנצע מגילה פון פורים איז טבעיות, וויפיל מלאכים איז געווען אריינגעדרייט אין די נסים ונפלאות וואס דער אייבערשטער האט דעמאלטס געטון? איך האב נאכגעזאגט פריער (מספר **משבצות זהב** אסתר ה-ב), אז עס איז דא אין מדרש, אז אויף דרייסיג ענינים, זענען מלאכים געווען אין זיי. און מען זאגט נאך אלץ, אז עס איז געווען בדרך הטבע. ווייל וויבאלד אונז האב מיר עס נישט געזעהן, איז נישט דא קיין קיטרוג דערויף, איז עס בדרך הטבע.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן פאר יעדן יוד אין דרך הטבע, מלאכים זאלן אים באגלייטן. כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך (תהלים צא-יא), איז נישט קיין פזמון, דאס איז נישט קיין זאך וואס איז געווען בימים ההם, דאס איז בזמן הזה. דער אייבערשטער העלפט פאר א יוד, א יוד איז מתפלל, ער בעהט פונעם אייבערשטען, און ער איז זוכה אז די תפלות זאלן נתקבל ווערן, כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך, איז דא א שמירה פונעם אייבערשטען. וואו א מענטש גייט, וואס ער טוט, איז דא מלאכים וואס טוען אים צוהעלפן דערצו. אסתר האט געהאט מלאכים אין יעדע זאך וואס זי האט געטון. מען האט איר צוגעהאלפן, און ארויסגעצויגן די שרביט, נשאה חן בעיניו, אויסגעגראדט, און אזוי ווייטער.

**זאל** דער אייבערשטער אונז געבן, אונז גיי מיר אוועק פון די טעג פון פורים, מיר געזעגענען זיך נישט פון די טעג, ווייל די טעג איז, וימי הפורים לא נבטלים, עס ענדיגט זיך נישט. יום טוב לא קבלו עליה (מגילה ה.), מען האט נישט מקבל געווען קיין יום טוב, ווייל יום טוב איז דא א צייט וואס ענדיגט זיך, מען מאכט הבדלה. אונז מאך מיר נישט קיין הבדלה אויף די טעג פון פורים, עס וועט אונז באגלייטן אויף שפעטער.

**איך** וויל אנוואונטשן פאר אלע באטייליגטע דא, דער באשעפער זאל ענק העלפן, עטץ זאלטס געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס מען דארף צו האבן. בני, חיי, ומזוני רוויחא. און אז מען קען נישט די טייטש, אויב די מלאכים פארשטייען נישט די טייטש, וועל איך זיי מסביר זיין. אונז דארף מיר בני, אונז דארף מיר האבן ערליכע יודישע קינדער. דער באשעפער זאל העלפן, אז די אלע וואס דארפן געהאלפן ווערן מיט קינדער, איז אן עת רצון, דער באשעפער זאל געבן. זיי זאלן געהאלפן ווערן מיט זרעא חיא וקיימא. אונז אלע וואס מיר האבן קינדער, דארף מען האבן אסאך סייעתא דשמיא אז זיי זאלן אויפגעצויגן ווערן, און נתחנך ווערן על דרכי הטוב. דער באשעפער זאל געבן, מיר זאלן זעהן יודיש נחת ביי אונזערע קינדער. - דאס איז בני.

**חיי.** דער באשעפער זאל אונז געבן לאנגע געזונטע יארן, יארן וואס מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען. מען האט פריער גערעדט, מירוק עונות זאל דער אייבערשטער געבן ווען מען דארף שוין נישט דינען דעם אייבערשטען, יענע יארן. 'די'

יארן זאל דער אייבערשטער געבן געזונטע יארן פאר אונז אלע.

**מזוני** רוויחא. דער באשעפער זאל געבן פרנסה בהרחבה פאר יעדן יודיש קינד, מען זאל האבן וואס מען דארף צו האבן אין שטוב. היינט קען מען נישט ערציען ערליכע דורות, נאר אז די שטוב איז א פריילּיכע שטוב, און אז אין די שטוב איז דא וואס מען דארף צו האבן, איז עס א חלק פונעם עבודת ה'.

**איך** וועל ענק אלע אנוואונטשן, דער באשעפער זאל ענק געבן, בני, חיי, ומזוני רוויחא, מיט אלע פרטים, מיט פרטי פרטים, וואס איז דא דערין. נישט נאר פאר ענק, נאר פאר גאנץ כלל ישראל. והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור, די השפעות פון דעם יום טוב זאל אריבערגיין אי"ה פאר אלע דורות, בכל משפחה ומשפחה, זאלן מיר אלע געבענטשט ווערן מיט אלע דברים טובים וואס עס האט זיך אפגעטון אין די צייט פון ימי משתה ושמחה ויום טוב, וואס איז געווען בימים ההם בזמן הזה. מען זאל זיך קענען אייביג צוזאמקומען מתוך שמחה וטוב לבב, פריילּיכערהייט, מיט-נעמען מיט זיך די השפעות פונעם פורים.

**אונז** גיי מיר אריין אין דעם שבת קודש, אט אט, ווען מען וועט אויפשטיין צופרי, וועט שוין זיין באלד שבת. קודם, סוף זמן קריאת שמע איז 9:26, זאל מען געדענקען. און מען גייט אריין אין דעם שב"ק, שבת איז א יומא דנשמתין, א טאג וואס איז געגעבן געווארן פאר אונזערע נשמות, עס איז נישט קיין טאג וואס מען רוהט זיך אפ פון די ארבעט, עס איז נישט קיין טאג אז מען זאל נעמען כוחות פאר די קומענדיגע וואך. נאר רוחניות'דיגע כוחות, אויסצונוצען דעם שבת. מזמור שיר ליום השבת, טוב להודות לה', דאס איז דער שבת.

**איך** האב אמאל געהערט פון מיין ברודער (הגה"צ מסערדאהעלי) זאל זיין געזונט און שטארק, האט ער געזאגט, אז ער מיינט אז דער מזמור שיר ליום השבת, איז נאר איינגאנצען צוויי ווערטער, טוב להודות לה', ולזמר לשמך עליון. דער ערשטער פסוק, דאס איז דער מזמור פון יום השבת. די איבריגע שפעטער, איז נאר וואס דוד המלך האט צוגעגעבן פרישע בקשות. **די נקודה פון שבת איז, טוב להודות לה' ולזמר לשמך עליון.** **יעדן שבת דארף א יוד אפגעבן שבח והודאה פארן רבונו של עולם, אז ער איז געזונט און שטארק, און ער קען קומען אין בית המדרש, און ער קען מיטברענגען זיינע קינדערלעך אין בית המדרש. טוב להודות לה'! אה, רבונו של עולם, אזא גוטער באשעפער. אונז האב מיר נישט גענוג ווערטער צו באדאנקען דעם אייבערשטען. אין אנחנו מספיקים להודות לך ה' אלקינו, ולברך את שמך מלכינו, אפילו נאר אחת מאלף אלפי אלפים ורבי רבבות הטובות. שבת איז געגעבן געווארן להודות לה', אפילו מען זיצט אין שטוב ביי זיך, פריילּיך זיין, דאנקן דעם אייבערשטען אויף די נסים ונפלאות, און זינגען זמירות שירות ותשבחות פארן רבונו של עולם.** און אזוי איז געווען ביום השביעי כטוב לב המלך ביין, שטייט אין די גמרא (מגילה יב:) אז עס איז געווען שבת, יודען האבן געדאנקט דעם אייבערשטען, איז פון דעם נתעורר געווארן די ישועה פאר יודען.

**זאל** דער אייבערשטער אונז געבן, מען זאל קענען אפרעכטן דעם הייליגן שבת אי"ה ווי עס דארף צו זיין. עס זאל זיין שמחות אין אלע יודישע שטובער, זאלן מיר שוין זוכה זיין צו דעם גרויסן שבת, דער שבת וואס אונז ווארט מיר עס זאל זיין, דער שבת וואס איז יום שכולו שבת, עס וועט נישט זיין עפעס אנדערש, נאר צדיקים יושבים, ועטרותיהם בראשיהם, ונהנים מזיו השכינה, מען וועט זיצן און מען וועט נהנה זיין מזיו השכינה. נישט נאר די צדיקים יושבים, נאר די אלע וואס זענען נלוה לצדיקים, די אלע וואס האלטן זיך, און זיי גייען אויפן ערליכן וועג, די אלע וועלן זיך משתתף זיין, און זיי וועלן זיין פון די וואס וועלן נהנה זיין מזיו השכינה. דער באשעפער זאל אונז געבן, מיר זאלן זוכה זיין דאס צו זעהן מיט אונזערע פליישיגע אויגן, אונז זאל מיר זעהן אי"ה בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

<u>*שבת קודש פרשת צו*</u>

בקריאת התורה התקיים שמחת עליה לתורה של החתן **יעקב** נ"ו בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו, ושל החתן **יצחק** נ"ו בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחות.

# פרשת שמיני י"ז - כ"ג אדר ב' תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת שמיני***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **יהושע** נ"י בן הר"ר **משה יוסף בלומענבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נתן נטע מענצער** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן רט"ו סעיף ד') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט אין די מגילה, אז אחשורוש האט געברענגט די כלים פונעם בית המקדש, און אין דעם האט ער סערווירט פארן עולם. וכלים מכלים שונים (אסתר א-ז), דרשנ'ט די גמרא (מגילה יב.), אז ער האט געברענגט כלים פונעם בית המקדש, וואס בלשצר האט שוין אמאל אזאנס געטון פאר דעם מיט יארן צוריק. בלשצר האט געמאכט א חשבון אז עס האט זיך געענדיגט די זיבעציג יאר פון גלות בבל, [אזוי איז געווען די הבטחה פונעם נביא], און יודען זענען נישט באפרייט געווארן. האט ער געמיינט אז מען וועט שוין בלייבען ביי אים אין גלות, האט ער ארויסגעברענגט די כלים וואס נבוכדנצר האט געברענגט פונעם בית המקדש, און ער האט זיך באנוצט מיט דעם דאס ערשטע מאל. און עס איז אויפגעשריבען געווארן אויף די וואנט, אז מען גייט אים הרג'ענען, און די נאכט האט מען גע'הרג'ט בלשצר.

**אחשורוש** האט געזאגט, איך בין קלוגער פון אים, ער האט נישט גוט אויסגערעכנט די זיבעציג יאר, איך האב עס יא אויסגערעכנט, און עס איז שוין אריבער די זיבעציג יאר, און ער האט יעצט ארויסגענומען די כלים פונעם בית המקדש. און די גמרא דרשנ'ט עס פון דעם פסוק, וכלים מכלים שונים. ראשונים, די פריערדיגע, כלו, זענען אוועקגעגאנגען פון די וועלט, מכח די כלים. און שונים, עטץ חזר'ס איבער, עטץ טוטס נאכאמאל די זעלבע זאך וואס מען האט דעמאלטס געטון. אזוי ברענגט די גמרא א רמז, אז ער האט גענומען פון די כלים פונעם בית המקדש.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א ענין. דער בית המקדש האט משנה געווען יעדן יוד וואס איז אריינגעקומען אינעווייניג. לא מיבעיא ווען א יוד האט געזינדיגט, ער איז אריינגעקומען אלץ א בעל חוטא, און ער האט געברענגט זיינע קרבנות פארן אייבערשטען, און עס איז אים נתכפר געווארן, איז ער ארויסגעגאנגען א בעל תשובה. עס שטייט אין פסוק (תהלים מח-ג), אז ירושלים ווערט אנגערופן יפה נוף משוש כל הארץ. טייטשט רש"י, עס איז געווען די משוש פון די וועלט. וואס איז דער משוש? זאגט רש"י, ווען א מענטש האט געזינדיגט, איז ער עצוב, ער איז טרויעריג. ווען ער איז אריינגעקומען אין בית המקדש, און ער האט געברענגט זיינע קרבנות, איז ער ארויסגעגאנגען שמח. עס איז געווען משוש כל הארץ. ירכתי צפון, די ווינקלעך פון צפון, וואו מען האט מקריב געווען די קרבנות, דאס האט געברענגט אז עס איז געווען משוש כל הארץ.

**קומט** אויס, אז יעדער יוד בשעת ער האט געברענגט א קרבן, איז ער ארויס אנדערש פון וואס ער איז געווען פאר דעם. און נישט נאר ווען ער האט געברענגט א קרבן, נאר יעדן שלש רגלים, ווען א יוד איז ארויפגעגאנגען אין בית המקדש, און ער האט צוגעקוקט כהנים בעבודתם ולויים בדוכנם, כי מציון תצא תורה (ישעיה ב-ג), עס האט איבערגענומען א יוד, ווען ער האט געזעהן די אלע נסים וואס האבן זיך אפגעטון אין בית המקדש. וואס יעדער יוד האט עס געקענט באמערקן, עומדים צפופים ומשתחווים רווחים (אבות ה-ה). נישט קיין באהאלטענע נסים, עס איז געווען אפענע נסים. אז מען שטייט צפופים, און א מינוט שפעטער איז דא פלאץ, און יעדער שטרעקט זיך אויס רווחים. מען האט געזעהן דעם שלחן וואס מען האט אויפגעהויבן צו ווייזען, ראו חבתכם לפני המקום (חגיגה כו:), און אזוי ווייטער. שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך (דברים טז-טז), ווען מען זאל זיך באווייזען פארן אייבערשטען אין בית המקדש, זאגט די תורה, ולא יראה את פני ה' ריקם, דו וועסט נישט ארויסגיין ליידיג ווען דו וועסט זיך באווייזען פארן אייבערשטען. עס איז נישט דא אזא זאך, אז מען איז נתראה לפני ה', און מען זאל ארויסגיין פון דארט ריקם.

**עס** שטייט אין מדרש (ב"ר סה-כב), ווען יעקב איז אריינגעקומען נעמען די ברכות, שטייט אין פסוק (בראשית כז-כז) וירח את ריח בגדיו, ער האט געשמעקט די ריח פון זיינע קליידער. זאגט דער מדרש, ער האט געשמעקט ריח בוגדיו, די ריח אפילו פון די רשעים וואס וועלן ארויסקומען פון יעקב, וואס פאר א גוטע ריח זיי האבן. וואס פאר א גוטע ריח קען שוין האבן א בוגד? ברענגט דער מדרש צו, כגון יוסף משיתא. עס איז געווען א יוד וואס האט געהייסען יוסף משיתא, און בשעת די אויבים האבן חרוב געמאכט דעם בית המקדש, און זיי האבן געוואלט צונעמען די כלים, און עס אוועקטראגען. האבן זיי מורא געהאט אז זיי גייען ניזוק ווערן, ווען זיי וועלן אריינגיין אין בית המקדש ארויסנעמען די כלים. האבן זיי אנגעטראגען אז א יוד זאל אריינגיין נעמען פון די כלים. קיינער וועט דאך נישט אריינגיין נעמען פון די כלים פון בית המקדש. האבן זיי געזאגט, אז ווער עס גייט אריין נעמען א כלי פונעם בית המקדש, וואס ער קלויבט אויס, קען ער עס אהיימנעמען פאר זיך. איז געווען נעבעך א פשוטער יוד, ער האט געהייסען יוסף משיתא, און עס איז דאך געווען טייערע כלים, גאלדענע כלים איז געווען אין בית המקדש, און ער איז אריינגעגאנגען, און ער האט גענומען די מנורה, און ער איז ארויסגעקומען דערמיט, און ער וויל עס אהיימנעמען. זיי האבן געזעהן אז זיי זענען אריינגעפאלען, אוועקצוגעבן אזא חשוב'ע מנורה. האבן זיי געזאגט, ניין, דאס קען מען דיר נישט געבן, דאס באלאנגט פארן קעניג. אבער דאס צווייטע מאל וואס דו וועסט אריינגיין, וואס דו וועסט יעצט ארויסנעמען, דאס וועט זיין דיינס. האט ער געזאגט, ער גייט נישט אריין נאכאמאל. גענוג אז איך האב מכעיס געווען בוראי איין מאל, אבער איך וויל נישט מכעיס זיין מיין באשעפער נאכאמאל. האט מען אים געזאגט, אז אויב ער גייט נישט אריין נאכאמאל, גייט מען אים הרג'ענען. האט ער געזאגט, עטץ קענטס טון מיט מיר וואס עטץ ווילטס, אבער איך גיי נישט אריין נאכאמאל. און מען האט אים צושניטן אויף שטיקער, און ער האט זיך געלאזט הרג'נען, ער איז נישט אריינגעגאגען נאכאמאל. וירח את ריח בוגדיו, יצחק האט געשמעקט די ריח פון די בוגדים.

**די** בעלי מוסר זאגען, וואס איז געשעהן מיט דעם יוד. אז ער איז אריינגעגאנגען צו נעמען די מנורה, איז ער דאך געווען א פשוט'ער פשוט'ער יוד. און נאכדעם לאזט ער זיך הרג'ענען, און ער גייט נישט אריין נאכאמאל. ווען ער האט נישט האבן די מנורה, וועסטו האבן די שלחן, צו אנדערע כלים וואס זענען געווען אין בית המקדש. נאר דער בית המקדש האט געהאט אין זיך אזא קדושה, אז אפילו ווען א מענטש איז אריינגעגאנגען דארט אזוי ווי דער יוסף משיתא איז אריינגעגאנגען, ווען ער איז ארויסגעקומען איז ער געווען א אנדערער מענטש. ער האט שוין נישט געקענט נאכאמאל איבערטון די זאך וואס ער האט געטון פריער. גענוג וואס איך האב עס געטון איין מאל, אבער איך גיי עס נישט טון נאכאמאל. און ער האט זיך געלאזט הרג'ענען. ווייל אינעם בית המקדש - מען רעדט שוין ווען דער בית המקדש איז געווען חרוב, מען האלט שוין ביים ארויסנעמען די כלים פונעם בית המקדש - איז געלעגן אזא קדושה, אז עס האט געטוישט דעם מענטש וואס איז אריינגעקומען אינעווייניג.

**און** כל שכן די כלים וואס מען האט גענוצט צו עסן די קרבנות, אדער צו מאכן די קרבנות. יעדער קרבן איז געווען א מצוה פון אכילת קדשים, מען האט עס געדארפט אויפעסן, און פון די אכילת קדשים איז געווארן בשרו ודמו פונעם מענטש. אזוי ווי מען געפונט ביי מאכלות אסורות, אז ווען א מענטש עסט מאכלות אסורות, ווערט נטמטם הלב, ער ווערט א פארשטאפטער מענטש, ווייל זיין בלוט און פלייש ווערט צוזאמגעשטעלט פון א איסור (רמ"א יו"ד סימן פא-ז). די זעלבע ווען א יוד טוט א דבר מצוה, און עס ווערט בשרו ודמו פון א דבר מצוה, ווערט ער א שטיק מצוה. ווען א יוד עסט מצה, און די מצה ווערט א שטיק פון זיין גוף, ליגט אין אים בלוט און פלייש פון א מצוה. ער עסט כשר'ס, ווערט פון אים א חתיכה וואס איז כשר. ער עסט א שטיקל קוגעל לכבוד שבת, אויב ער עסט עס ערליך, ווערט פון אים א שטיק שבת. זיין בלוט און פלייש איז געווארן פון וואס ער האט געגעסן די מאכלים. איז דאך א כל שכן ווען מען האט געגעסן קדשים, וואס מען זעהט ווי גרויס עס איז געווען די אכילה וואס מען האט געגעסן דערפון, אז כהנים אוכלים ובעלים מתכפרים (פסחים נט:), עס האט געברענגט א כפרה אויף דעם וואס האט עס געברענגט. די אכילת קדשים האט געטוישט דעם מענטש פון וואס ער איז געווען.

**קומט** אויס, אז יעדע זאך וואס איז געווען אין בית המקדש, איז געווען 'שונים', עס האט געטוישט. דער יוד וואס איז אריינגעקומען מיט א חטא, איז ארויסגעקומען אן א חטא. ווען א פשוטער יוד איז אריינגעגאנגען דארט, איז ער ארויסגעקומען מיט א אידלקייט. ווען מען האט געגעסן פון די קדשים וואס איז געווען דארט, האט עס משנה געווען דעם גוף פון דעם וואס האט עס געגעסן. זאגט די פסוק, דאס וואס ער האט געברענגט די כלים צו די משתה, ווייסטו וואס פאר א כלים ער האט געברענגט. 'וכלים', די כלים וואס ער האט געברענגט, איז געווען 'מכלים', פון די סארט כלים, 'שונים', וואס מען האט גענוצט אין בית המקדש, וואס דער בית המקדש האט משנה געווען דעם מענטש וואס האט געברענגט די קרבנות, און דעם מענטש וואס איז אריינגעגאנגען אינעווייניג. פון די כלים וואס זיי זענען שונים, פון די כלים האט ער געברענגט צו די סעודה.

**די** נקודה דערפון איז, אז יעדע זאך וואס איז פון קדושה, וואס א מענטש עסט פון דעם, זיינע סעודות זענען ערליכע סעודות, ווערט נתקדש דער גוף פונעם מענטש וואס האט עס געגעסן, און שונים, ער קען ווערן א אנדערער מענטש פון וואס ער איז געווען פאר דעם.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר *ישעי'* **גראזינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר *משה* **יצחק שלעזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם פאלעס.

*

***יום שני פרשת שמיני***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **אפרים פישל ריזל** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה.

*

***יום שלישי פרשת שמיני***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **ישראל דוד זינגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**וביום** השמיני ימול בשר ערלתו (ויקרא יב-ג), די מצוה איז ביום השמיני. און עס האט א שייכות צו די וואכעדיגע פרשה, אין די פרשה איז אויך דא א יום השמיני, ויהי ביום השמיני קרא משה לאהרן ולבניו ולזקני ישראל (ויקרא ט-א), מען גייט אויפשטעלן די משכן. און ביידע שמיני'ס האבן א קשר איינס צום אנדערן, ווייל אין מדרש (ויק"ר כז-ט) שטייט, אז דער טעם פארוואס מען מל'ט א קינד ביום השמיני, כדי עס זאל אדורכגיין קודם א שבת. עס מוז זיין קודם די הכנה פון א שבת, כדי מען זאל קענען מל'ן דאס קינד. און דער ביום השמיני פון הקמת המשכן, איז אויך געווען כדי עס זאל אדורכגיין א שבת קודם. דער ביום השמיני איז געווען א זונטאג'דיגער טאג, דער טאג האט גענומען עשר עטרות, איז דאך דער טייטש אז די שבעת ימי המילואים האבן זיך אנגעפאנגען אין א זונטאג. מוז אדורכגיין א שבת, און ביום השמיני, דעמאלטס האט מען געקענט אויפשטעלן דעם משכן. דער טעם פון די צוויי יום השמיני'ס זענען די זעלבע, כדי עס זאל זיין א שבת קודם, און נאכדעם קען מען מל'ן א קינד, און נאכדעם קען מען אויפשטעלן א משכן פארן אייבערשטען.

*

**איך** האב געזעהן שטיין, אז די זיבן טעג פון די ימי המילואים האט משה רבינו יעדן טאג אויפגעשטעלט די משכן, און ער האט עס צונומען. און ביום השמיני האט ער אויפגעשטעלט די משכן, און דער משכן איז געבליבן אויף שפעטער. וואס איז דער ענין אז משה רבינו האט יעדן טאג צונומען די משכן, און דעם אכטן טאג איז געבליבן די משכן בשלימות.

**יודען** האבן געהאט זיבן בתי מקדשות וואס כלל ישראל זענען אדורכגעגאנגען. אנגעהויבן מיטן משכן אין מדבר, ווען מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל איז מען געווען אין גלגל, נאכדעם האט מען אויפגעשטעלט א משכן אין שילה, נאכדעם נוב, נאכדעם גבעון, בית ראשון, און בית שני, און מען

האפט אויפן בית השלישי. זיבן איז אויפגעשטעלט געווארן, און עס איז צונומען געווארן. דער אכטער בית המקדש, דער בית המקדש השלישי, דאס וועט בלייבן גאנץ. בשעת מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, האט שוין משה רבינו צוגעגרייט אויף די זיבן מאל וואס עס וועט זיין א משכן פארן אייבערשטען, און עס וועט צונומען ווערן, און ביום השמיני קרא משה לאהרן ולבניו, דער אכטער דאס וועט בלייבען גאנץ.

**אין** הייליגע ספרים שטייט נאך א טעם פארוואס עס איז געווען זיבן מאל וואס מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן. ווייל עס איז דא א פסוק (משלי כד-טז) שבע יפול צדיק וקם, א צדיק האט נפילות אויך, ער פאלט איין מאל, און ער פאלט נאכאמאל, און נאכאמאל. דער חילוק צווישן די נפילות פון א צדיק, און די נפילות פון א פשוט'ען יוד איז, אז א יוד פאלט, לאזט ער נאך, ער איז זיך מייאש. איך האב שוין פראבירט איין מאל, איך האב שוין פראבירט צוויי מאל, און איך בין אדורכגעפאלען, און ער לאזט נאך. דער צדיק, דער לאזט נישט נאך. שבע יפול צדיק, ער פאלט, אבער איך גיי זיך נאכאמאל אויפהייבן, וקם, נאך זיבן מאל פאלן, און ער לאזט זיך נישט, קומט ער צו, צו א תקומה.

**און** דאס האט משה רבינו אונז געלערנט, אז ווען ער האט אויפגעשטעלט דער משכן איז געווען שבע יפול צדיק, עס איז זיבן מאל געווען נפילות, ער האט צונומען די משכן, אבער וקם, שפעטער איז עס געשטאנען. און דאס איז געווען דער ביום השמיני וואס קרא משה לאהרן ולבניו.

**א** קינד מל'ט מען אויך צום אכטן טאג, צו ווייזען אז ביז דעם אכטן טאג איז נאך דא שבע יפול צדיק, עס איז נישט קיין שלימות. מען קען זיך נאכנישט אוועקגעבן פארן אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין. ביום השמיני, מען האט נפילות, און מען שטייט אויף, נאכדעם איז וקם, נאכדעם איז דא א תקומה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והגיע לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם יהושע גאלדשטיין** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **שבתי פייפער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יהודה צבי פייערווערקער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יעקב גראס** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אהרן דוד לעוו** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן ש"ב **הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי בן ציון משה הלברשטאם שליט"א**, שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת שמיני***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מענדל בוכינגער** הי"ו, שהתקיים באולם כרם מנחם.

אחר החופה הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ישראל ענגלמאן** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **מאיר אדלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מנחם מענדל פעפערקארן** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **הערשל מיללער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוב בעריש וועבער** הי"ו, שהתקיים באולם לעגעסי.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל שמחת האירוסין של החתן **נפתלי** נ"ו בן הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **שלמה זלמן דעווידזאהן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **נפתלי יונה לעזער** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***<u>יום חמישי פרשת שמיני</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יעקב אהרן צבי מארטאן** ע"ה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **יעקב** נ"ו בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה הערש קליין** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>שבת קודש פרשת שמיני</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד החתן **נפתלי כ"ץ** נ"ו.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יוסף דוד אויש** הי"ו. אחר התפלה התקיימה קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית התקיימה השבע ברכות של החתן **יעקב זינגער** הי"ו חתן הר"ר **משה הערש קליין** הי"ו. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא.